№30

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG“

אבצוגמער יאהרגאנג

פרייז 20 גראשען.

טשענסטאכאווער צייטונג

Bib. Jagiellońska Kraków 10. Anny 19

אבאנאמענטס-פרייז א נומער 20 גראשען.
פאריס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 22-01.
פארן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פאראנטווארטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע נר. 6. — טעלעפאן נר. 22-01
ערשיינט יעדען פרייטאג.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער שורה:
פאר'ן טעקסט 40 גראשען נאכ'ן טעקסט 20 גראשען
אין טעקסט 60 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלט 8 אנאנסען שפאלטען.

Częstochowa, Piątek 28 lipca 1939 — ליכט-צינדען 7,20 — פרייטאג פ' ואתחנן י"ב תמוז תרצ"ט

זונטאג, דעם 30 יולי ד. י., צו דער ערשטער שמערצליכער יאהרצייט פון אונזער אומפארגעסליכען

מאן און פאטער

דניאל דזיאלאוויטש נ"ע

וועט 11 א זייגער פארמיטאג אויפ'ן בית-עולם פארקומען די ענטהילונג פון דער מצבה און ס'וועט אבגעריכט ווערען די הזכרה, וועגען וואס עס ווענען מודיע

פרוי און קינדער.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ברודערן-טאכטער און קוזינע

דארא רובינשטיין מיט פרל. **לעאן זעלווער**

ווינשען מיר זיי א גליקליכע צוקונפט און די עלטערן פיעל נחת.

קושעפין — **פאמיליע גראנעק און מענדל גראנעק**

פרעהליכסטע טעאטער-סענסאציע! — — פייערלעשער-זאל

נאר 3 טעג וועלען אויפטרעטען די גרויסע אמעריקאנער שטערנס

דער זינגענדיגער, טאנצענדיגער „יודישער שעוואליער“

פסח'קע בורשטיין

צוזאמען מיט זייער ערשטקלאסיגער טרופע: ה. הארט, ד. ראזענבערג, ב. אריעל, י. גענדאר, ה. סאביאש, ל. יאשלאסבערג

מיט זיין פרעכטיגער פארטנערין

ליליאן לוקס

קלאסיגער ווארשאווער קינסט-האמבורגער, מ. גורוויטש, ס. ווידעצקי, ה. גרישא, ס. קובאריסס, ב. ליטווינא, ל. און אנדערע

דינסטאג, ד. 1 אויגוסט 9.15 אוו.
גרויסער מייערליכער שלאגער
צום ערשטען מאל אין טשענסטאכאוו!
דער **קאמעדיאנט**

מיטוואך, ד. 2 אויגוסט 9.15 אוו.
פרעהליכע פרעמיערע!
סענסאציאנעלע נייעס!
זיין **שיינער חלום**

הומאר! געלעכטער! געזאנג! טאנץ! וויץ! עפעקטען!

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה' באטשאן, אין טאג פון דער פארשטעלונג פון 7 אוונט ביי דער קאסע.

NASZEMU SZEFOWI

p. J. LANDAUOWI

z powodu zgonu

b. p. MATKI

wyraża najgłębsze współczucie

Personel
biurowy i techniczny
Odlewni „WULKAN“.

אונזער קאמיטעט-מיטגליד ה' **משה גראנעק** און פרוי

צו דער פערלאבונג פון זייער זוהן

ה' **מארקוס** מיט פרל. **אסתר קליינשטיין**

פון קעלץ

ווינשען מיר צו זעהען ביי זיי פיעל נחת.

דעם יונגען פאר — פיעל גליק.

דער קאמיטעט

פון דער **שוהל „שערי ציון“**, אלעע 1

אנשטאט בלומען שפענדען מיר ה זל. פאר'ן יוד. שפיטאל.

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער הייס-געליבטע טעכטערל

שרה'לע האלאנד נ"ע

וועלכע איז פארגעקומען דינסטאג תשעה באב און אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד דריקען אויס דעם איניגסטען דאנק

עלטערן, שוועסטער און פאמיליע.

משה!

הננו משתתפים בצערך הגדול במות עליך אחותך

רבקה ז"ל

כוס מלא תנחומים תמצא בעבודתך בביתר בעד מדינה עברית לפי הוראותיו של ראש ביתר.

יוסף ברוקמן, ישעיהו לנצנר,
יצחק בירנצוויג, חיים גנדלמן.

די אלע, וועלכע האבען אנטייל-גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפארגעסליכער טאכטער און שוועסטער

רבקה בת ר' שמואל יעקב ז"ל שייקאוויטש

וועלכע איז פארגעקומען דינסטאג, ד. 25 יולי 1939 י. (תשעה באב תרצ"ט) דריקען אויס דעם איניגסטען דאנק די אין טיפען טרויער פארבליבענע

מוטער, ברידער, שוועסטערס און פאמיליע.

לחברינו **יצחק מאיר האלאנד** ורעיתו

אנו מביעים את צערינו הגדול לרגלי מות בתם היקרה

שרה נ"ע

בעבודתים בעד מלכות ישראל ימצאו נחומים

„אחדות ישראל“ בטשענסטאכאו.

Do głębi wzruszeni przedwczesną śmiercią

b. p. **SARENKI HOLAND**

składamy Rodzicom wyrazy najszczerszego współczucia

Rodzina Ajzen

משתתפים אנו בצערם העמוק של חברינו

משה ושרגא שייקאוויטש ומשפחתם

למות עליהם אחותם **רבקה** נ"ע

בעבודתם למען רעיוננו ימצאו נחומים.

„אחדות ישראל“ בטשענסטחוב.

א פאבריקס=לאקאל

גלייך צו פערדינגען.
ב. יאסעלעוויטשא 11. פראקאש.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזערע פרייגר ה' **יצחק מאיר האלאנד** און פרוי אין צער צוליב'ן טויט פון זייער געליבט טעכטערל **סאלושא** נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

פאמיליע יארזאמבעק

משה! מפקדנו היקר

בעבודתך בעד ביתר ומלכות ישראל משוחררת תנוחם במות עליך אחותך

רבקה נ"ע

מפקדה וקן בית"ר בצינסטוחובה.

לידידנו **יצחק מאיר האלאנד** ורעיתו

אנו משתתפים בצערם הגדול והעמוק במות עליהם בתם היקרה **שרה** נ"ע

ובתוך שאר אבלי ציון וירושלים ינוחמו

אברהם אפמאן ורעיתו, משה זעלקאוויטש ורעיתו

רגשי נחומים **למשפחת שיקוביץ**

למות עליהם בתם ואחותם

רבקה ז"ל

יוסף צימרמן.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד **יצחק מאיר האלאנד** און **פרוי** צוליעב'ן טויט פון זייער הייס-געליבטע טעכטערל נ"ע **שרה'לע**

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

נתן צעלניק, יוסף טאביאש און פרוי.

הננו מביעים בזה את רגשי השתתפותנו החמה בצערם של חברינו **משה ושרגא שיקוביץ**

למות עליהם אחותם היקרה **רבקה** נ"ע

המקום ינחם אותם ולא יוסיפו לדאבה עוד

אברהם אפמאן ורעיתו, משה זעלקאוויטש ורעיתו.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ“

**ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.**

מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאכאוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האבען מיר

פערביליגערט די פרייזען:

א קאלנער מיט א הערליכען גלאנץ **12 גר.**

א העמד — — — **40 „**

אויך זענען פערביליגערט געווארען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט.

ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

מיר בעטיליגען זיך אין צער פון אונזערע חברים **משה** און **פייוויל שייקאוויטש** צוליבן פריהצייטיגען טויט פון זייער שוועסטער

רבקה נ"ע

בתוך שאר אבלי ציון וירושלים תנחומו.

יוסף טאביאש ונתן צעלניק.

Salomon Gewircman i S-ka

Hurtowa sprzedaż żelaza, bednarki
gorąco i zimno walcowanej oraz blachy
mieści się obecnie na

ul. Wilsona 6-8. Telefon 20-04.

P. K. O. 305,621.

אונזערע שכנים, דער פאמיליע **שייקאוויטש**
צוליעב'ן טויט פון זייער טאכטער

רבקה נ"ע

דריקען אויס דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל

פאמיליע רייך, פאמיליע חאלקאוויטש

נחמו, נחמו עמי.

א רייהע פון יאהרען האט דער נביא ישעיהו געמוסר'ט דאס יודישע פאלק צוליעב זייערע חטאים, גערופען זיי אומצוקעהרען זיך צום בורא עולם.

ער האט זיך בעקלאגט: ידע שור קנהו וחמור אבוס בעליו — אפילו א אקס קען איהר בעל בית, ישראל לא ידע — דאס יודישע פאלק אבער וויל וייצר גאט נישט קענען. ער האט אויך געווארענט און פאראויסגעזאגט די יודען וועגען דעם גרויסען אומגליק, וואס שוועבט איבער זיי, אז דעם יודישען לאנד דראהט א פערניכטונג און איינטערגאנג: ארצכם שממה, עריכם שרפות אש, אדמתכם לנגדכם זרים אכלים אותה — דאס לאנד וועט פערוויסט ווערען, די שטעדט-פערברענט, פרעמדע וועלען אייער פערמעגען אויסעסען.

די הערצליכע און ערליכע ווערטער פונ'ם נביא, וועלכער האט זיין גאנץ לעבען געשטרעבט נאך פאר'ן וואויל פון יודישען פאלק און לאנד האט ליידער קיין ערפאלג נישט געהאט, די יודען האבען ווייטער געפיהרט דעם פערניכטונגס-סיסטעם און דעם נביא'ס רוף: רחצו, הזכו, — איז פון די יודען נישט אנערקענט געווארען. דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז דער שונא האט ארץ ישראל פערנומען, חרוב געמאכט דאס יודישע היילינטום — דעם בית-המקדש, פערגאסען טייכען בלוט, אומברענגענדיג צעהנדליגער טויזענדער נפשות, דערונטער דעם יודישען אדעל און די, וועלכע זענען איבערגעבליבען, פערטריבען פון לאנד.

גרויס און שרעקליך איז דער חורבן געווען, אזוי, אז אפילו דער לאנגיעהריגער מוכיח, ישעיהו הנביא, וועלכער האט עס פאראויסגעזעהן, האט זיך דערשראקען פאר'ן אומגליק, וואס ער זעלבסט האט זיך אזוי ווייט דאס נישט פארגעשטעלט, און דער ערשטער אויסגעריפען: נחמו נחמו עמי!

דער נביא האט געטרייסט דאס יודישע פאלק און געזאגט: ישראל! דו האסט טאקי געזינדיגט, דיינע חטאים זענען אבער נישט אזוי גרויס לויט דעם עונש, וואס דו האסט בעקומען: כי לקחה מיד ד' כפלים בכל חטאתיה — פיעל, פיעלמאליג מעהר האסטו געליטען לויט דיינע זינד, אל תירא — האט גאט געזאגט אני עזרתיך — דו ביזט דיין שטראף שוין אבגעקומען, פון יעצט אן בין איך אין דיין הילף.

דאס טרויעריגע נביאות פון גרויסען נביא וועגען חורבן איז מקוים געווארען. מיר האפען אבער, אז אויך זיין טרייסט, דאס עס וועט קומען א צייט, וואס: לא יאמר לך עוד עזובה ולארצך לא יאמר עוד שממה — דאס יודישע לאנד וועט צוריק אויפגעבויט און בעזעצט ווערען, מ'וועט מעהר נישט זאגען, אז דאס יודישע פאלק איז אהן א היים — וועט אויך מקוים ווערען און מ'וועט זוכה זיין צו הערען דעם נביא'ס ווערטער:

אמרו לבת ציון הנה ישעך בא.

משה אש

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— פון דער מאקאטאווער תפיסה איז בעפרייט געווארען דער געוועזענער פיים-דעפוטאט און אנפיהרער פון די כאדעקעס וואיטשעך קארפאנטי.

— דער וויצע - אויסערן - מיניסטער שעמבעק האט אויפגענומען דעם איטאליענישען אמבאסאדאר אין ווארשא דע-וואלענטינא.

— ביי סושטשאנקא אויף דער פוילישער טעריטאריע, 30 מעטער ווייט פון דער דייטשער גרעניץ, איז דורך דאנציגער נאציסטען דערהרג'עט געווארען דער פוילישער צאל-בעאמטער וויטאלד בודניעוויטש. בעת דער לויה פונ'ם דערשאסענעם גרעניץ-בעאמטען האט גענ. גזשעמאלא-סאסניצקי אין נאמען פון פרעמיער דעקארירט די טרומנע מיט א זילבערנעם פערדינסט-קרייץ.

— דער קאמוניקאציע - מיניסטער פולקאווניק אולריך האט אויף א פרעסע קאנפערענץ געגעבען ערקלערונגען וועגען קאמוניקאציע וועזען בכלל און וועגען אלץ, וואס ס'איז דערגרייכט געווארען אויפ'ן געביעט פון שאפען גינסטיגערע בעדינגונגען צו דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

— אין סטאמבול איז געשטארבען דער לאנגיעהריגער פארזיצער פון דער דארטיגער יודישער קהלה, העגרי רייזנער, וועלכער איז אויך געשטאנען בראש פון צאהלרייכע יודישע צדקה-אינסטיטוציעס.

— די אראבישע לעבדער, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער רונד-טיש קאנפערענץ אין לאנדאן, האבען זיך געוואנדען צו דער ענגלישער רעגירונג מיט א פראטעסט געגען יודישען טעראר און געגען דער אומלעגאלער עליה קיין ארץ ישראל.

— א גרעסערע גרופע יונגע ציוניסטען האבען במשך פון 3 שעה פיקעטירט דעם ענגלישען קאנסולאט אין ניו יארק מיט לאזונגען געגען דער ווייס-בוך-פאליטיק און דער עליה-גזירה.

— פולקאווניק פליישהויער, דער ארגאניזאטאר פון אינטערנאציאנאלען אנטיסעמיטיזם אין דינסט פון היטלעריזם פאדערט איינצופיהרען טויט-שטראף פאר שווערע ראסען-שאנד-פערברעכענס.

— אין אמסטערדאם איז אין עלטער פון 76 יאהר געשטארבען דער בעריהמטער האלענדיש-יודישער סקולפטאר יוסף מענדעס דאקאסטא.

— אין מיליטערישען שפיטאל אין פאריז איז געשטארבען דער אנאנסען-מיטארבייטער פון „פיגארא" פאידער, וועלכער איז ארעסטירט געווארען אין צוזאמענהאנג מיט דער ענטדעקטער שפיאנאזש-אפערע.

— נישט-ענטדעקטע אטענטעטער האבען אין יודישען קווארטאל אין ביירוט געווארפען א באמבע, פון וועלכער עטליכע פערזאן זענען פערוואונדעט געווארען.

— די פלאט-איבונגען פון דייטשען פלאט אויפ'ן באלטישען ים קומען פאר אין דער אנוועזענהייט פון אדמיראל רעדער און האבען דעם צוועק אויסצושולען די אונטערוואסער-שיפען.

— אין צוזאמענהאנג מיט'ן 30 טען יאהרטאג פון בלעריאס פליה איבער'ן קאנאל-לאמאנש, איז דינסטאג פארגעקומען א לופט-ראיד פון העכער 200 ענגלישע עראפלאנען איבער פראנקרייך.

— די געסטאפא האט ערלויבט ארויסצושיקען אויפ'ן 21 ציוניסטישען קאנגרעס אין זשענעווא א העכער 100-פערזאניגע דעלעגאציע פון דייטשע און עסטרייכישע ציוניסטען, כדי דורך זייער פערמיטלונג אויסצואיבען א מעגליך גרעסטען דרוק, אז אויפ'ן קאנגרעס זאלען נישט פארקומען קיין אנטי-דייטשע ארויסטרעטונגען.

— די פראנצויזישע פרעסע האט מיטגעטיילט, אז דער דייטשער פראפאגאנדע-אפאראט האט בענייט די אקציע פון פערשיטען פראנצויזען מיט נאצישער אנטיסעמיטישער ליטעראטור, בעזונדערס פיפל פון דער דאזיגער ליטעראטור בעקומען די פראנצויזישע איינוואוינער פון עלזאס לאטרינגען.

— די לעצטע גרויסע רעגענס איבער'ן גאנצען לאנד האבען גורם געווען פערפלייצונגען און געמאכט גרויסע שאדענס און היזקות.

— אין מאסקווא און אין די ענגליש-פראנצויזישע קרייזען געהען ארום קלאנגען, אז סוף היינטיגע וואך זאלען מיט א גינסטיגען רעזולטאט פערענדיגט ווערען די אונטערהאנדלונגען וועגען אנ'ענגליש-פראנצויזיש סאוויעטישען בונד.

— 50 אבסאלווענטען פון דער לאנדווירטשאפטליכער שולע אין מקוה-ישראל האבען געגרינדעט די נייע קאלאניע „כפר נטער" נעבען נתניה.

— אויפ'ן ארט פונ'ם פיהרער פון די בריטישע מיליטערישע כחות אין פאלעסטינא גענ. הייניגג, וועלכער פאהרט צוריק קיין ענגלאנד, איז בעשטימט געווארען גענ. בארקער.

— אויף אנ'אינטערפעלאציע וועגען די קרעדיטען פאר פוילען האט מיני. טיימאן ערקלערט צווישען אנדערע, אז ס'איז נישט געווען מעגליך צו דערגרייכען צו דער צייט א פערשטענדיגונג בנוגע די בעדינגונגען, אויף וועלכע אזא הלוואה וואלט געקאנט געגעבען ווערען, אזוי, אז דאס נויטיגע געזעץ זאל קענען בעשלאסען ווערען איידער דער פארלאמענט וועט זיך צופאהרען אויף די זומער-פעריען.

— דער מעקסיקאנער פרעזידענט גענ. קארדינאס האט אין א צייטונגס-אינטערוויאו ערקלערט, אז מעקסיקא וועט גערן אויפנעמען יודישע ערד-ארבייטער, וואס וועלען זיך בעזעצען אויף נישט בעארבייטען באדען.

— מיליטער האט היינט אדורכגעפיהרט א רעוויזיע אין פלוגת „ביתר" פון דער קאלאניע „באר יעקב", ארעסטירט דעם ראש פון דער פלוגה א שומר פון „באר יעקב" און 3 תושבים פון דער קאלאניע.

— נישט ווייניגער ווי 5 טויזענד יודען האבען זיך פערזאמעלט צו די קינות ביים כותל-מערבי. די געסלען, וואס פיהרען צום כותל, זענען געווען געדיכט בעזעצט מיט פאליציי. די מתפללים זענען ביים געהן צום כותל און צוריקקעהר רעווידירט געווארען נעבען שער יפו, צי זיי האבען נישט קיין געוועהר.

— פון פראגער פאלעסטינא - אמט ווערט מיטגעטיילט, אז 1100 טשעכישע יודען האבען בעקומען וויזעס קיין א"י און פאהרען אב קומענדע וואך.

— אין דער צווייטער אויגוסט-וואך וועט אין טראנדהיים (נארוועגיען) פארקומען דער 19 טער יעהרליכער קאנגרעס פון די יודישע יוגענד-פערבאנדען אין די סקאנדינאווישע לענדער.

— אין קורצען זאל איינגאנצען ליקווידירט ווערען דער פליטים לאגער אין זבאנשין. אלע פליטים, וואס געפונען זיך דארט, וועלען פונאנדערגעשיקט ווערען אויף דער פראווינץ.

ער האט נישט אויסגעהאלטען...

א דאטשע-פעליעטאן

— זייט מיר געזונט — האט ישראל יודל אויסגעשריגען, דערזעהענדיג מיך געהן צו דער ארבייט — איך פאהר אויף דאטשע. און פאקטיש האב איך געזעהען ווי מיין שכן האלט דעם טשעמאדאן אין דער האנד גלייך אבצופאהרען.

— וואס עפיס אין מיטען דערינען אויף דאטשע? ווי מיר שיינט — זאג איך צו ישראל יודלען — האלט איהר דאך נישט פון די גארישקייטען, טא וואס איז עפיס אייך היי יאהר איינגעפאלען צו פאהרען פערשווארצט ווערען אין דארף אריין?

— איך טהו עס נישט פון פערגעניגען — סהוט ישראל יודל א זיפץ — איך טהו עס דערפאר, ווייל איך קאן מעהר נישט אויסהאלטען. כ'האב געקעמפט, געקעמפט און צום סוף מוז איך זיך אונטערגעבען.

— וואס איז געשעהן? — ווער איך שוין אונגעדולדיג — וואס הייסט איהר קאנט נישט אויסהאלטען? צי איז חלילה געשעהן אנ'אומגליק, אדער זענט איהר חלילה אזוי קראנק, דאס די דאקטוירים האבען אייך אנגעזאגט, אז איהר זאלט למען השם פאהרען אויף דאטשע, אז נישט דראהט אייך א סכנה?

— נישט דאס ערשטע און נישט דאס צווייטע — בערוהיגט מיך מיין שכן — פונדעסטוועגען מוז איך פאהרען, ווייל קיין אנדערע ברירה האב איך נישט, דאס איז מיין לעצטער רעטונגס-ברעט, וואס קאן נאך אבראטעווען דעם פרעסטיזש. מיין איך, מיין גוטען נאמען.

זעהענדיג, אז איך „ברען" פון נייגעריגקייט, האט מיין שכן א קוק געטהון אויפ'ן זייגער און זעהענדיג, אז עס איז נאך צייט צום צוג האט ער אראבגעשטעלט די וואליזע און שטעהענדיגערהייט מיר איבערגעגעבען דעם סוד פון זיין דאטשע פאהרען.

— ווי איהר ווייסט — הייבט מיין שכן אן צו רעדען — בין איך פון תמיד אן א שונא פון דאטשע פאהרען, גאר פשוט, איך האלט נישט פון די דאזיגע נארישקייטען, דאגעגען מיין ווייב איז א „פערברענטע" אנהענגערין און דאטשע. יעדעס יאהר, אזוי ווי עס קומט גאר נאך פסח, הייבט זי שוין אן צו פלאנטען, וואו צו פאהרען און מיט וואס צו פאהרען, ד. ה. וואס פאר א קליידער זי דארף מיטנעמען אין די איבריגע שליטוזען.

אויך היי-יאהר — דערצעהלט ווייטער מיין שכן — האט מיין ווייב, נישט קוקענדיג אויף דער מלחמה שטימונג, וואס הערשט אין דער וועלט, זיך גענומען גרייטען צום ארויספאהר. איך נאטירליך, האב איהר נישט געשטערט, כ'האב אפילו נישט פראבירט איהר צו וועלען אויפקלערען, וויסענדיג פון פאראויס, אז עס וועט גאר נישט העלפען. טראכט איך מיר, דארף איך זיין א בייזער נאר, בעסער וועל איך מאכען א גוטע מינע צום בייזען שפיל און האב איהר נאך געהאלפען אויסזוכען א מקום (ווארים וויסען מוזט איהר, אז מיין ווייב האט א פרינציפ נישט צו פאהרען צוויי מאל אויפ'ן זעלבען מקום) נאך לאנגע זוכענישען האט מען זיך ענדליך אבגעשטעלט אויפ'ן אברוה ארט כ. און מיין ווייב האט אנגעהויבען צו מאכען הכנות צו דער רייזע.

אויף גאנצע טעג, איז מיין ווייב פערפאלען געווארען. דאס איז זי אבגעזעסען ביי די שניידערינס און ביי די וועש נייהערינס, מאכענדיג זיך קליידלעך און בלוזקעלעך, הויזען און שארטען און נאך אנדערע שלימויזען, וואס אהן דעם קאן מען היינט נישט פראווען קיין הלכות-דאטשע (א פרינציפ האט מיין ווייב יעדעס יאהר זיך צו מאכען פרישע קליידלעך, די פאר-איעהריגע טויגען נישט מעהר). פערשטעהט זיך דאך, אז דאס מיטאג איז קיינמאל נישט געווען איגרערצייט, אויפדערנאכט האט מען נישט געקאנט ארויסגעהן, ביז ענדליך ס'איז געקומען דער טאג פון מיין ווייב'ס אבפאהרען אויף דאטשע.

אויפשטעהענדיג אין דער פריה האב איך שוין מיין ווייב נישט געטראפען אינדערהיים, ערשט שפעט אין דער נאכט, ווען זי איז אהיימגעקומען האב איך א קוק געטהון אויף איהר קאפ און פערשטאנען, אז דאס איז זי אבגעזעסען ביים פריזיער, מאכענדיג זיך א טרוואלע אנדולאציע. איך האב אפילו געוואלט מאכען א סקאנדאל צוליעב דער הולטייסטווע, נאר אין דער לעצטער מינוט האב איך זיך צוריקגעצויגען, פערביסען מיט די ליפען און געמאכט א שווייג. זאל מיינס איבערגעהן — האב איך זיך געטראכט...

— ענדליך איז מיין ווייב אבגעפאהרען — דערצעהלט ווייטער מיין שכן — און איך האב פריי אבגעאטעמט, נישט דערפאר חלילה — כאפט זיך מיין שכן צוריק — וואס איך וויל פון מיין ווייב פטור ווערען. חלילה, גאט איז מיין עדות, אז ווען מיין ווייב איז אויף דאטשע ווער איך פערשווארצט און פערפינסטערט, די שטוב איז נישט אויסגעראמט א גאנצע וואך, קיין מיטאג עסט מען נישט און ווען איך קום שוין אהיים אויפדערנאכט פון א גאנצען טאג פראצע, דרעהט מען זיך ארום אין די שטובען ווי א צעחושטער, דאך האב איך דאס אויך מקבל באהבה געווען, וואס ענדליך מיין ווייב איז כאטש צופרידען און שרייבט מיר גוטע בריוולעך און פערלאנגענדיג, אז איך זאל איהר צושיקען פעקלעך און א ביסעל קליין געלד...

איז מיר אבער נישט בעשערט געווען אויסצוהאלטען דעם זומער-סעזאן במנוחה — גיט א שמערען זיפץ מיין שכן — און אט פארוואס:

— געווענליך — ציהט ווייטער זיין מאנאלאג ישראל יודל — בין איך אויפדערנאכט א ביסעל ארויסגעגאנגען אין גאס שפאצירען. בעגעגנט מיך מיין ווייב'ס א קרוב און קוקט אויף מיר מיט א געהיימניספולען שמייכעל. באלד געזעגענט ער מיך בלומרשט, נאך איך פיהל, אז ער איז נישט אוועקגעגאנגען, נאר ער ציהט מיר נאך. גאס איין, גאס אויס, און ער היט זיך, אז איך זאל נישט זעהען, אז ער געהט מיר נאך. ווארט מיר דאס דערעסען, געה איך אריין אין א צוקערניע, זעץ זיך אוועק ביי א גלעזיל שווארצע קאווע, קומט צו מיר צו מיינס א בעקאנטער און מיט א שלמישען שמייכעל גיט ער א ווינק צו מיר. ווען איך פרעג איהם וואס ער וויל, זאגט ער מיר אזוי שטיל אויפ'ן אויער, אז איך זאל זיין גאנץ רוהיג, ער קען האלטען א סוד, אז אפילו ווען איך ווארט דא אויף עמיצען, וועט ער מאכען א שוויג. ער ווייסט, אז מיין ווייב איז אוועקגעפאהרען. נו מילא, מען איז דאך נאר א מענש און ער קאן זיך אויף אזעלכע זאכען...

און אפילו ווען איך בין ביי דער ארבייט — דערצעהלט ווייטער מיין שכן און איך זעה ווי טרערען קומען איהם אין די אויגען אריין — האלטען מיר מיינע מיטארבייטער אין איין געבען אנצוצעהערן, אז איך קאן זיך אויף זיי פערלאזען, זיי וועלען מיך נישט פערראטען, זיי זענען מאדערנע מענשען און פערשטעהען אנ'עסק.

וואו איך געה, וואו איך שטעה — צווינגט זיך אויס מיין שכן — זעה איך בליקען, וועלכע שטעכען מיך אדורך מיט זייערע פרעכע שמייכלען, איך קאן מיר קיין ארט נישט געפונען, נישט ביי טאג, נישט אויפדערנאכט, נישט ביי דער ארבייט און נישט אין גאס. א וועלט מיט מענשען האבען זיך אנגעוועצט אויף מיר, מען לאזט מיך נישט לעבען. עפיס אזוי ווי א בייזער גייסט געהט מיר נאך און פערפאלגט מיך מיט זיין שטעכעדיגען חשד.

א לאנגע צייט האב איך נאך געטראכט וועגען דעם אלעם — פערענדיגט זיין וועהקלאג מיין שכן ישראל יודל — און האב בעשלאסען איינמאל פאר אלע מאל צו מאכען א סוף פון דעם אלעם און צו פאהרען. צו מיין ווייב אויף דאטשע. האב איך גענומען אורלויב און אט האב איך זיך איינגעפאקט דעם טשעמאדאן און פאהר.

גאט איז מיין עדות, אז דאס איז מיר דערוויידער. אייך דארט צוזאמען מיט מיין ווייב וועט נישט טויגען. א פרוי האט ליעב אויף דאטשע זיך צו בעריהמען פאר די איבריגע ווייבער וועגען איהר עלעגאנטען מאן און דא וועלען אלע זעהען, אז איך בין נאר א פראסטער ישראל יודל און מיין ווייב וועט דערפון האבען עגמת-נפש. כ'האב אבער נישט קיין אנדערע ברירה, כ'טהו עס נישט פאר וואוילטאג; נאר פאר צרות. כ'קאן נישט אויסהאלטען די טריפה'נע בליקען. פון מיין ווייב'ס קרוב, פון מיינע שכנים, וועלכע קוקען מיר נאך דיסקרעט, צי איך געה נאר אליין אהיים, פון מיינע מיטארבייטער, פון מיינע בעקאנטע, זייערע בליקען שטעכען מיך ווי מיט שפילקעס, כ'פיהל, אז טאמער לויף איך נישט אוועק פון שטאדט וועל איך משוגע ווערען און כדי זיך פון דעם אלעם צו ראטעווען, פאהר איך געגען מיין ווילען אוועק צו מיין ווייב אויף דאטשע און זאל זיין וואס עס וויל. דארט, וועל איך אויך קיין האניג נישט לעקען, אבער אלץ בעסער ווי צו בלייבען א טרויעריגער אלמן אין דער שטאדט.

ביים געזעגענען זיך האט זיך ישראל יודל מיט מיר הייס צוקושט און פון זיינע אויגען זענען גערינען ווארימע הייסע טרעהרען.

א לענגערע צייט האב איך נאכגעטראכט, וועגען מיין שכנ'ס „אומגליק" און איהם אויסגעדרוקט טיעפען מיטגעפיהל צוליעב דעם, וואס מיין שכן ישראל יודל, וואס קאן זיך ביי יעדער סיטואציע אנ'עצה געבען איז דא ביי דעם פאל אדורכגעפאלען, דערפאר וואס ער האט דאסמאל נישט אויסגעהאלטען...

סמאל

לעאָ קעניג

„מיט געוואַלד זענט איהר יודען"

(קלאַנגען און אָבקלאַנגען)

מען קען שוין באַלד זאָגען, אז דער „על פרחך אתה חי" איז נישט אזוי ריכטיג ווי דער „על פרחך אתה יהודי".

מיט געוואַלד זענט איהר יודען. מיט געוואַלד ביזטו א יוד. עס זענען איצט פאַראַן און עס זענען שטענדיג געווען צעהנדליגער און צעהנדליגער טויזענדער יודען, וואָס וואָלטען אזוי גערן געוואָרען אויס יודען; וואָס מיינען און גלויבען, אז זיי ווייסען נישט מיט וואָס זיי זענען יודען (אויסער זייער שטאַם און דאָך שרייט צו זיי די היינטיגע וועלט מיט פערשידענע קולות וברקים: איהר הערט יודען... מיט געוואַלד זענט איהר יודען; צי איהר ווילט, צי איהר ווילט נישט, נאָר איהר זענט יודען. א באַרג סיני הענגט נאָך אַלץ אויף יודישע קעפּ.

אָבער איצט האַלטען דעם באַרג סיני אויף די יודישע קעפּ די אָנגערייצטע מיט פּראָפּאַגאַנדע ניפּט פערסמ'טע אומות-העולם.

זיי שרייען יודען צו יעדען יודען „מיט געוואַלד מוזט איהר אָננעמען, אַנערקענען אייער יודישקייט, אייער יודישען שטאַם".

נישט קיין נייע תורה צווינגט מען אונז אַנצונעמען נאָר אונזער אור-אַלטען שטאַם, פון וועלכען טויזענדער און טויזענדער ווילען בשוגג ובמזיד ענטלויפען. מיט וועלכען טויזענדער און טויזענדער יודען גלויבען, אז זיי געהערען זיך שוין נישט אָן. און דער באַרג סיני הענגט איבער יודישע קעפּ און דראָהט סיי ווי סיי און אין יעדען פאַל: וועט איהר זיך אָבזאָגען פון אָננעהמען אייער יודישקייט וועלען מיר דעם באַרג לאָזען פאַלען אויף אייערע קעפּ.

און זענט איהר יודען, קומט דאָך אייך סיי ווי דער באַרג זאָל פאַלען אויף אייערע קעפּ און אייך דערשטיקען.

איצט אין אונזער משונה'דיגער פאַרווירטער און טראַגישער צייט הענגט אויף יעדען יודישען קאָפּ א באַרג סיני און דראָהט: מיט געוואַלד מוזטו אָננעמען דיין יודישקייט, דיין יודישען שטאַם און אזוי פיעל יודישע „שטאַמליגע" קאָרטשען זיך און ליידען אונטער די דראָהונגען.

דאַרפען מיר אזוי גערופענע שטאָלצע יודען אָדער נאַטירליכע יודען סימפּאַטיזירען מיט די ליידען און יסורים פון די „מיט „געוואַלד יודען"? אָבער קיין „שאַדען-פרייד" דאַרפען מיר אודאי נישט פיהלען.

נאָר דער נאַציזם צווינגט אַרויף מיט געוואַלד און טעראָר אויף יעדען דייטש ווי חייט ער זאָל נישט זיין פון דייטשלאַנד, מעג ער זיין אַן ענגלישער צי אַן אַמעריקאַנער בירגער, די נאַצישע אידעאָלאָגיע, דעם נאַצישען פּאַטריאָטיזם. און די גרויסע וועלט ווענדעט איצט אָן בשוגג ובמזיד די נאַצישע מעטאָדע בנוגע יודען:

יודען מוזען זיין יודען; מען דערמאָנט זיי אויף יעדען טריט און שריט, אז זיי זענען יודען און מען צווינגט זיי צו זיין „יודען-בעוואוסט". בלאָנדזשען איצט אַרום איבער דער גאַרער וועלט טויזענדער און טויזענדער יודען וואָס שרייען געוואַלד „מיר זענען דייטשען... מיר האָבען ליב די דייטשע ערד... די דייטשע קולטור... און אפילו די יודישע אמונה האָבען מיר שוין לאַנג פערלאָזט.. מיר זענען דייטשען און קריסטען... מיר זענען דייטשען און קריסטען..."

און די וועלט — די פיינדליכע און פריינדליכע — ענטפערט זיי: איהר זענט יודען... געצווינגענע יודען...

און נאָך אַנדערע יודען זענען פערהאַן אין אַלע לענדער און קלימאַטען; יודען וואָס ווילען נישט בעוואוסטזיניג ענטלויפען פון יודען, אָבער וואָס גלויבען גאַנץ תמימות'דיג אפילו אז זיי ווייסען נישט מיט וואָס זיי זענען יודען.

עס זענען פערהאַן אַצינד למשל צעהנדליגער און צעהנדליגער קינסטלער, וואָרט און פאַך קינסטלער — מיר טרעפען זיי איבעראַל — וואָס גלויבען באמונה שלימה, אז זיי זענען דייטשע, פראַנצויזישע, צי ענגלישע, צי אַנדערע, נאָר נישט קיין יודישע קינסטלער.

זיי גלויבען עס אויפריכטיג און תמימות'דיג אָהן קיין שום ספּעציעלע אַסימילאַטאָרישע און ענטלויפערישע טענדענצען.

וואָרום מאָלען ווי נישט זייער גאַנץ לעבען די לאַנדשאַפטען און מאָטיווען פון די לענדער און קלימאַטען וואו זיי זענען געבוירען געוואָרען? מאָהלען זיי נישט און שרייבען זיי נישט לויט די שולען און קולטורען אין וועלכע זיי האָבען געלערנט און אויפגעבראַכט געוואָרען.

און זיי האַלטען זיך גאַנץ נאַטירליך אַלס דייטשע פראַנצויזישע צי ענגלישע קינסטלער. „גאַנץ נאַטירליך", ווייל זיי גלויבען, אַז זיי האָבען פון יודען זייער קונסט נישט געלערנט, אז זיי האָבען יודען מיט זייער קונסט נישט געדיענט און יודען האָבען אפשר אויך זייער קונסט נישט געדאַרפט.

און דאָך שרייען זיי איצט זייערע קאָמפּאַטריאָטען נאָך „איהר זענט יודען... איהר זענט מיט געוואַלד יודען".

און מען מוטשעט זיך און מען גריבעלט זיך מיט געוואַלד צו געפינען דאָס יודישע פאָלק אין זייער שאַפען, און זיי אין דעם איינבילדען.

כאָטש די אייגענע אייגענשאַפטען קאָן מען לייכט געפינען ביי נישט יודישע קינסטלער און דיכטער.

עס זענען געווען צייטען ווען געוויסע יודישע שיכטען פלעגען האַלטען אין איין שרייען און פּראָקלאַמירען פאַר דער וועלט: ס'איז נישטאָ קיין יודישע נאַציע, ס'איז נישטאָ קיין יודיש פאָלק; עס זענען נאָר פערהאַן דייטשען, ענגלענדער, פראַנצויזען פון יודישען גלויבען. און א סך נישט-יודישע שיכטען האָבען אויך אין דעם געגלויבט.

איצט הערט מען זיי נישט. איצט וויל מען זיי הערען און גלויבען.

א נאַציאָנאַלער באַרג סיני הענגט איצט איבער די קעפּ פון אַלע יודען און דראָהט זיי: איהר מוזט זיך דערקלערען אלס א פאָלק, איהר מוזט, צי איהר ווילט, צי נישט, שרייען: „מיר זענען א בעזונדערע נאַציע" — הייסט מען איצט די יודען מאַכען ציגעל און קיין שטרוי און ליים גיט מען זיי נישט.

שרייט מען צו זיי פון אַלע דעכער און לעכער: איהר זענט א נאַציע, איהר זענט א בעזונדער פאָלק אָבער אַן אייגען לאַנד און א נאַציאָנאַלע היים לאָזט מען זיי נישט בויען.

גלייבווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאָכאָווער

ואתחנן

חקים משפטים צדיקים

דער כ' רבי האָט זיך נוהג געווען, אז ווען דער עולם האָט שוין מקבל שבת געווען אין דער שוהל, איז ער מיט זיינע שמשים אַהיימגעגאַנגען פון דער מקוה. שלש סעודות האָט ער געפיהרט ביז שפּעט אין דער נאַכט ווען אַלע האָבען שוין לאַנג הבדלה געמאַכט און געהאַנדעלט. איינער פון די שטאָדט בעלי-בתים האָט זיך בעקלאָגט פאַר'ן אָרטיגען רב אויף די מעשים פון רבי'ן, וועלכע פערשאַפען א פערדרוס צווישען די בעלי-בתים און געבעטען דעם רב ער זאָל געגען דעם פּראָטעסטירען. דער רב האָט איהם געענטפערט: די תורה מאַכט אונז שוין אויפמערקזאַם דערויף און זאָגט: מי גוי גדול — וואו געפינט זיך נאָך אזא גרויס פאָלק אשר לו חקים — וועלכעס האָט געזעצען — וואָס זענען אונפערשטענדליך, משפטים — וואָס ווערען אַרויסגעגעבען דורך שופטים לויט זייער השגה און א חוץ דעם אַלעם צדיקים — וועלכע האָבען זייערע התנהגות און מנהגים ווי א שטייגער דער רבי, וועלכער וואוינט דאָ, דעריבער קען איך נישט און ווייס נישט דערין קיין דעה צו זאָגען.

ונושנתם בארץ

די תורה האָט אונז שוין מיט עטליכע טויזענד יאָהר צוריק פאָרגעזאָגט, אז עס וועט קומען א צייט: כי תוליד בנים ובני בנים — ווען די יוגענד, די זיהן און אייניקלעך וועלען זאָגען א דעה אין אַלע ענינים ונושנתם בארץ — און די עלטערען וועלען ווערען פערעכענט אַלס פערעלטערט, אונבעוואוסטזיניג, איבריג אויף דער וועלט.

בצר לך—ושבת עד ד' אלקיך

דער ק. רבי ז"ל האָט געהאַט א חסיד, איינעם פון די גרעסטע יודישע פּריצים, וועלכע זענען געווען צו יענער צייט. איינמאָל, ווען דער רבי איז שוין קראַנק געווען און מ'האָט קיינעם צו איהם נישט אַריינגעלאָזט, איז געקומען נאָך ק. דער אויבענדערמאַנטער חסיד מיט זיין 13-יעהריגען זוהן, וועלכער האָט געלערנט אין א וואַרשאַווער שולע און געבעטען, דאָס דער רבי זאָל זיין זוהן בענשען צו דער בר-מצוה. דער חסיד, וועלכער האָט געהאַט גרויס אָנזעהען אין „הויף" איז מיט זיין זוהן צוגעלאָזט געוואָרען צום רבי'ן. נאָכדעם ווי דער רבי ז"ל האָט זיך גענוי אויסגעפרעגט דעם בר-מצוה-בחור וועגען זיין התנהגות און למודים אין דער שולע, האָט ער צו איהם געזאָגט: איך פערזיכער דיר, אז ווען דו וועסט ענדיגען די שולע, ווערען אפילו א פריידענקער, דאָך אָבער, ליגענדיג אויף דעם טויטען בעט, ווי א שטייגער איך יעצט, וועסטו דאָך אָנהויבען צו קלערען: אפשר בין איך פאַלש אינפאָרמירט געוואָרען מיין גאַנץ לעבען און עס געפינט זיך באמת א בורא עולם פאַר וועלכען מ'דאַרף מורא האָבען? און דער רבי האָט אויסגעטייטשט דעם פּסוק: בצר לך — ווען עס וועט דיר שלעכט זיין ומצאוך כל הדברים האלה עס וועלען אויף דיר קומען די אַלע אומגליקען, וועלכע זענען אויבען אויסגערעכענט, דעמאָלס ושבת עד ד' אלקיך — וועסטו פערגעסען אין דיינע אַלע תורות און פילאָזאָפיעס, וואָס דו האָסט געלערנט און צוריקקומען צו דעם גאָט פון דיינע עלטערן.

כאשר צוך ד' אלקיך

געוועזען איז ל. א יוד, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר פרום, געגאַנגען ערב ובוקר צום דאַווענען; וואָס אַמבעלאַנגט אָבער אין מסחר, האָט ער זיין פאַבריק געלאָזט אין בעטריב שבת, מאַכענדיג א שטר-מכירה אויף דעם נאָמען פון זיין'ס אַן אַרבייטער, דעסגלייכען זיין געשעפט איז געווען פון פאָרענט געשלאָסען, דאַגעגען דורך דער אונטער-טהיר זענען אַריינגעלאָזט געוואָרען נישט יודישע קונים, אויך מיט'ן כח פון אזא שטר-מכירה. דער רב האָט נאָך איהם געשיקט און געזאָגט: איך פערשטעה, דאָס איהר וועט מיך וועלען איבערצייגען, אז על-פי-דין זענען אייערע מעשים אויסגעהאַלטען, דאָך אָבער מוז איך אייך ערקלערען, אז די תורה האָט זיך אויף אַזעלכע אויסטהון פערשטאַנען און געזאָגט: שמור את יום השבת לקדשו — דו זאָלסט דעם שבת פערהייליגען כאשר צוך ד' אלקיך — אזוי ווי דער רבש"ע האָט געוואָלט און בעפוילען, אז לא תעשה כל מלאכה אתה — דו זאָלסט נישט אַרבייטען און האַנדלען אין שבת ועבדך ואמתך — ווי אויך נישט אויפ'ן חשבון פון דיינע אַנגעשטעלטע און אַרבייטער למען ינוח — בכדי אַלע זאָלען באמת קענען רוהען, נישט ווי דו מאַכסט א קונץ און דיין אַרבייט געהט אין שבת און דאָס דאַכט זיך דיר, דאָס די טהוסט אַלעס לויט דער תורה און ביזט ווייטער אַן אָנגעהיטענער יוד.

ותקרבון אלי כל ראשי שבטיכם וזקניכם

דא, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען קבלת התורה שטעהט: ותקרבון אלי כל ראשי שבטיכם וזקניכם — אז די יודען האָבען נאָר געשיקט זייערע פאָרשטעהער און זקנים, די יוגענד האָט זיך נישט געוויזען, דאַגעגען אויספאָרשען א לאַנד פאַר די יודען שטעהט: ותקרבון אלי כלכם — אַלע זענען געלאָפען אַנטייל נעמען דערין, ווי רש"י זאָגט: בערבוביא, ילדים דוחפין את הזקנים — די יוגענד האָט אוועקגעשטופּט די עלטערע, ווי עס זעהט אויס איז ביי נעמען די תורה: אותה קריבה היתה הוגנת — ילדים מכבדים את הזקנים — האָט די יוגענד דערמיט מכבד געווען די אַלטע, תורה לערנען, דאָס איז אַן ענין פאַר אייך אַלטע לייט, ווען עס האָט זיך אָבער געהאַנדעלט וועגען ארץ-ישראל, ווירטשאַפטען, רעגירען, דאָ: ילדים דוחפין את הזקנים — האָט די יוגענד פערטריבען די אַלטע, זיי געשיקט אין בית-המדרש אַריין דאַווענען, תהלים זאָגען, רעגירען אָבער דאָס געהער צו אונז, יוגענד. (כ"י).

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אויפ'ן דאָרף.

מיין „וואָס געהערט וואָס געזעהן" שרייב איך פון דאָרף, וואו איך פערברענג שוין צוויי וואָכען און וואו כ'האָב נאָך בדעה צו זיין עטליכע טעג ביז — ביז ס'וועלען זיך אויסלאָזען די פאַר גראָשער און מען וועט מוזען צוריקקומען אין שטאָדט אַריין און זיך איינשפּאַנען צום ווערקשטעל פון עפענטליכען וואָרט.

דערווייל איז מיר אָבער גוט. איך האָב זיך בעהאָפטען מיט דער נאַטור, וואַלד, פעלד, וואַסער, וואָס זענען די טעמעס פון מיין טאָג און דאָס ביסעל זינדיג עסען אין פענסיאָנאַט פון „זאָשענקא-וויגדער" אין אַברוה-אָרט, וואָס רופט זיך כושאַנסטאָוו.

וועגען דעם, אז יעדער שטאָדט-מענש דאַרף האָבען כאָטש עטליכע וואָכען אַברוה אויפ'ן דאָרף, וויל איך נישט רעדען, וואָרום וואָס וועט דאָס העלפען דער, וואָס קאָן זיך דערלויבען, וועט נישט וואַרטען אויף מיין עצה און די, וועלכע קענען ; זיך, ליידער, דאָס נישט דערלויבען, וועט מיין עצה נאָר פערשאַפען צער. איז דעריבער זאָל מען וועגען דעם נישט פילאָזאָפירען, נאָר עס נעמען אזוי ווי עס איז. איך, למשל, האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון דער שטאָדט און זיך בעזעצט אויפ'ן דאָרף אין כושאַנסטאָוו; אין דאָרף, וואו די אורבאַניסטיק האָט נאָך נישט דערגרייכט, אפילו דעם ראַדיאָ הערט מען נישט גרעגעראַן, אויך צייטונגען זעהט מען זעלטען, אזוי, אז די צודרעהטע נערוען קאָנען זיך א ביסעל אָברוהען, דאָ אין פּוילישען דאָרף.

מען פערגעסט, אז מען איז יודען...

מיינט נישט, חלילה, אז כ'מיין צו זאָגען, אז די יודען דאָ פערגעסען צו זיין רעליגיעז, פערקעהרט, די פרומע יודען, וואָס זענען דאָ, האָבען מעהר צייט צו דאַווענען און אָבצוגעבען דעם רבונו של עולם זיין טייל. כ'מיין נאָר דאָס, וואָס די יודען פערגעסען, אז זיי געהערען צו א צווייטער קאַטעגאָריע. פערקעהרט, דאָ זענען זיי מיוחסים, מען נעמט זיי דאָ גערן אויף, מען גיט זיי אָב כבוד און ווען א פּויער בעגעגענט א יודען טראָגט ער איהם אַקעגען דעם דזיען דאָברי, צו וועלכען דער שטאָדטישער יוד איז גאָר נישט געוואוינט, איבערהויפּט אין די לעצטע צייטען.

צי דאָס איז דערפאַר, ווייל די פּויערים דאָ זענען אָרים און די פּאָר גילדען, וואָס זיי בעקומען פאַר די דירות אָדער פאַר די פּראָדוקטען, קומען זיי צו נוץ, איז א צווייטע פראַגע. א פאַקט איז אָבער, אז די יודישע לעטניקעס פיהלען זיך דאָ זעהר גוט, זיי זענען פריי, בעוועגען זיך פריי און פראַנק, סיי אין דאָרף, סיי אין וואַלד, סיי ביים וואַסער. אומעטום טראָגט מען זיי אַקעגען פריינדליכקייט, מען חנפ'עט זיי און מען בעשיט זיי זאָגאַר מיט קאָמפּלימענטען. מיט איין וואָרט, מען פערגעסט אינגאַנצען, אז מען איז יודען...

די פרעקווענץ פערגרעסערט זיך.

דאָס כושאַנסטאָוו איז ענטדעקט געוואָרען ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק און שוין היינט-צו-טאָג פאָהרען זיך אַהין צונויף איבער הונדערט יודישע פאַמיליעס, אויסער געוועהנליך די, וועלכע קומען אין פענסיאָנאַט אַריין. היי-יאָהר איז אָבער די פרעקווענץ גאָר א גרויסע, א סך האָט אויך געווירקט דאָס, וואָס מענשען האָבען מורא געהאַט צו פאָהרען אין מרחקים און אויך צוליעב דעם, וואָס דאָקטוירים ראַטען לעצטענס צו פאָהרען קיין כושאַנסטאָוו, וואו די לופט איז זעהר א גוטע און האָט אַלע בעדינגונגען פון א גוט אַברוה אָרט און וואו מען קאָן גלייכצייטיג געניסען פון זון, וואַלד און וואַסער.

אמת, דאָ ווערט נאָך אַלץ געפיהרט אויף א פּרימיטיווען אופן,] וואָס ס'איז פאַר א סך א מעלה און דערפאַר טאַקי פערמעהרט זיך פון יאָהר צו יאָהר די צאָהל עולה-רגל'ניקעס קיין כושאַנסטאָוו.

מען וויל נישט געדענקען וועגען דער שטאָדט.

א כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג. אַמאָל האָט מען אויף א זומער-וואוינונג, אין דער פרייער צייט געשמועסט וועגען שטאָדטישע נייעסען, וועגען פּאָליטיק. דאָס מאָל מיידט מען אויס, איבערהויפּט צו רעדען וועגען פּאָליטיק. דאָס וואָרט טשעמבערליין הערט מען נישט, אפילו היטלער'ן שעלט מען דאָ ווייניג, וואָס דאַרפט איהר מעהר, אפילו קיין צייטונגען לעזט מען נישט און טאָמער ברענגט עמיצער יאָ א צייטונג וויל קיינער נישט אַריינקוקען אין איהר. עס איז עפּיס אזוי ווי א געהיימער אָבמאַך, אז מען זאָל דאָ אינגאַנצען פערגעסען וועגען די קאָפּ-דרעהעניש'ען פון דער שטאָדט. נוער מיר מלחמה, נוער מיר היטלעריאַדע. א זון איז דאָ, וואַסער איז פאַראַנען און א וואַלד מיט פרישע געזונטע ריחות איז אויך דאָ, און ווער שמועסט, אז מען האָט נאָך צו לייגען אין מויל אַריין, פערגעסט מען אין דער גאַנצער וועלט און מען גיט זיך אָב אינגאַנצען דעם זונדיגען גוף.

כ'חייס נישט ווי אַנדערשוואו, נאָר דאָ ביי אונז, אין כושאַנסטאָוו, בעמיהט מען זיך נישט אינגאַנצען צו געדענקען וועגען דער שטאָדט...

אויך גרויס-שטאָדטישע געסט.

און זאָל זיך אייך נישט דאַכטען, אז קיין כושאַנסטאָוו קומען בלויז טשענסטאָכאָווער. היי-יאָהר האָבען מיר אויך אפילו וואַרשאַווער, וועלכע פאָהרען נישט אויף דער ליניע, נאָר טאַקי קיין כושאַנסטאָוו. זיי הפנים איז אויך בעקוועמער כושאַנסטאָוו, וואו מען קאָן א גאַנצען טאָג אַרומגעהן אדם נאַקעט אין מיטען גאָס און מען דאַרף נישט די פערשירענע פּטראַיעס. אין כושאַנסטאָוו איז מען זעהר נאָהנט צו דער נאַטור, דער מענש פיהלט זיך פריי, בעקוועם און דעריבער קומען שוין דאָ אַהער אויך גרויס-שטאָדטישע געסט.

דער איינציגער פענסיאָנאַט.

כאָטש קיין כושאַנסטאָוו קומען וואָס א יאָהר אַלץ מעהר לעטניקעס, איז אָבער דאָ נור פערהאַנען איינאיינציגער פענסיאָנאַט אונטער דער פירמע „זאָשע-וויגדער"-פענסיאָנאַט אויף די פאָדערנעמען פון די בעלי-בתים. זי הייסט זאָשע און ער הייסט אבוגדור, האָט מען דאָס פערצויגען און א נאָמען געגעבען „זאָשע-וויגדער"-פענסיאָנאַט.

אין געגענטייל צו די פענסיאָנאַטען פון גאַליציען, גיט מען דאָ אין כושאַנסטאָווער פענסיאָנאַט צו עסען איבער'ן קאָפּ אַריבער, נאָר צווישען די געסט זענען פערהאַנען עסער און אויך פרעסער, סיי די עסער, סיי די פרעסער האָבען זיך נישט צו בעקלאָגען, כאָטש דעם פענסיאָנאַטניק קאָן מען נישט טראָשען, אז אויב ער איז נישט צופרידען וועט ער געהן אין א צווייטען פענסיאָנאַט. ס'טרעפט נישט, אז מען זאָל זיך בעקלאָגען.

דאָ זענען זיי אין דער מינדערהייט...

מיינט נישט, אז דאָ קומען אַהער בלויז יודישע לעטניקעס, אויך קריסטליכע משפחות קומען קיין כושאַנסטאָוו פּראַווען הלכות דאַטשע. זיי זענען אָבער דאָ אין דער מינדערהייט און פּרובירען אַנצוקניפּען בעציהונגען מיט

פסח קאפלאן

גלויבען אין שלום

שוין עטליכע חדשים ווי די גאנצע וועלט זוכט אנ'ענטפער אויף דער איינציגער פיינליכער פראגע: צי וועט זיין א מלחמה אדער נישט? און הגם אלע ווייסען שוין, אז אויף דער דאזיגער פראגע קען קיינער קיין בעשייד נישט געבען, ווייל קיינער קען בשום אופן נישט וויסען, וואס דער מארגען וועט געבען, אפילו „ער" אליין אויך נישט, — פונדעסטוועגען הערט מען נישט אויף זיך צו מאטערן און ברעכען די מוחות, צו דערגיין, וואס אזוינס וועט ארויסקומען פון דער דאזיגער אנגעשטרענגטער לאגע, ווען צוויי בלאקען שטעהען איינער קעגען אנדערן, בעוואפענט פון קאפ ביז די פיס, גרייט אלע ווייטע אנצופאלען איינער אויפ'ן אנדערן; מיט וואס וועט זיך די דאזיגע אנגעבלאזענקייט אויסלאזען.

ס'דוכט זיך, אז פונקט ווי אין אנ'אנגעהיצטער אויסגעטריקנטער אטמאספערע, וואו די נאטור האט אבגעשטעלט איהר גאנג און בלייבט ליגען אין א נירוואנא-צושטאנד, אזוי איז אויך דאס לעבען, אין דער איצטיגער אנגעגליהטקייט, געבליבען פערגליווערט און קען זיך נישט בעוועגען אונטערן שווערען דרוק פון דער פאטאלער פראגע: וועט זיין מלחמה אדער נישט? סיי דער קאלעקטיווער לעבען, סיי דער אינדיווידועלער זענען פאראליזירט דורך דער מורא פאר דער מלחמה, וואס קען א ליאדע רגע אויסברעכען, פערשטעהט זיך, אז פיעלפאכיג ערגער איז עס ביי אונז, יודען, וואס לעבען אין און פון א קאניונקטוראלער עקאנאמיק, ווי אונזער עקזיסטענץ וואלט געווען אבהענגיג פונ'ם פאליטישען וועטער-לוח.

אבער דווקא מיר, יודען, וואלטען, קוקענדיג אויף די צוויי אנגעבלאזענע מחנות, וואס ליגען איינע קעגען דער אנדערער, ווי גרייטע צום אנפאל, געדארפט זיך דערמאנען דעם קאמישען אנעקדאט, וועגען דעם פריצישען באל, אויף וועלכען עס זענען ארויסגעשיקט געווארען צוויי בערען צו קעמפען איינער געגען אנדערן, און זיי זענען ביידע געזעסען אנגעדראלענע אין די ווינקלען פון זאל, ארומגערינגעלט מיט א נייגעריגען פריצישען פובליקום, ביז זיי האבען ביידע אנגעהויבען שטיל מורמלען „שמע ישראל" ווייל דאס זענען געווען יודישע ישוב'ניקעס אין בעריש פעלען און זיי האבען בלויז איינער פאר'ן אנדערן מורא געהאט.

פון דער איצטיגער פערצויגענער אנגעדראלענקייט וואלט מען געקענט דרינגען, אז אויך יענער בער, פאר וועלכען א גאנצע וועלט האט איצט מורא, זיצט סך הכל ביי זיין פערפעסטיגטער ליניע און מורמלט שטיל זיין „שמע ישראל!" ווייל ער האט פאר דער וועלט נאכמעהר מורא ווי די וועלט פאר איהם.

ס'מאכט נישט אויס, וואס דער פאקט מיט ראטענפערבאנד ווערט נישט געשלאסען און וואס אמעריקא בעווייזט א שטימונג פון נישט מישען זיך אין די אייראפעאישע געשעפטען און וואס יאפאניע האלט זיך פעסט אויף איהרע פאזיציעס — דער בער האט מורא נישט בלויז פאר דער לעצטגילטיגער מפלה, נאר אויך פאר דער מלחמה-אקציע גופא, וואס קען אויספאלען זעהר בלוטיג פאר זיין פאלק.

ער ווייסט דאך, אז מיט'ן זעלביגען לופט-וועג, וואו ס'וועט שוועבען א פלאטיליע, צו באמבארדירען לאנדאן, קען אויך זיין אנ'אנדער פלאטיליע, צו בעפאלען בערלין און דערפאר ציטערט זיין בעריש פעל נישט ווייניגער, ווי ס'ציטערט די פעל פונ'ם לייב אויפ'ן אינזעל.

ווער ס'וויל דרינגען פון דער פערגאנגענהייט אויפ'ן עתיד און ארויסציהען א מסקנא, אז היטלער האט פאר די לעצטע זעקס יאהר אבגעהאלטען כסדר נצחונות, איז געגאנגען פון איין טריומף צום אנדערן, סיי אויפ'ן אינעווייניגסטען פראנט, סיי אויפ'ן אויסעווייניגסטען, און קודם כל געגען זיין האלבען מיליאן יודען, וועלכע ער האט צורויבט, צוהרג'עט, צושטיקט און צויאגט אהן שום ווידערשטאנד מצד דער גרויסער וועלט, ווער ס'וויל דערפון ארויסלערנען, אז אויך להבא וועט זיין מזל איהם אזוי שיינען און אז ס'שטעהען נאך א סך בוימער גרייט, ער זאל פון זיי אראבשלעפען די צייטיגע פרוכט גלייך אין מויל אריין, — דער מוז געדענקען, אז היטלער האט נאך ביז איצט קיין איינציגע שלאכט געגען א בעוואפענטען שונא נישט געוואונען, נישט געפרובט אפילו, אז ביים ערשטען ווידערשטאנד מצד פוילען, כאטש ער איז געווען בלויז א ווערבאלער, נאך נישט בעגרינדעט אויף קיין מיליטערישע אפמאכען האט ער געהייסען סטאפען זיין טריומף-מארש.

ער קוקט זיך צו ווי די וועלט ארגאניזיר'ט זיך און בעוואפענט זיך געגען איהם, ווי איין לאנד נאך דער אנדערער שטעהט צו צום בלאק פון זיינע געגנערס, אין איין ארט געהט עס גרינגער, אין אנ'אנדערן שווערער, אבער פונ'ם גאנצען געדיכטען פאליטישען נעפעל האט זיך נאך נישט אויסגעקלערט קיין איינציג פינטעלע פון סימפאטיע און ליבשאפט צו איהם און זיין ריכטונג. ס'זענען פערהאן אבגעהאלטענע מחמת מורא, פערהאן אזוינע, וואס וואלטען נישט געוואלט זיך בענוגענען מיט האלבקייטען נאר דווקא איבער איהם מקיים זיין דעם גאנצען פסוק פון להשמיד ולאבד ולהרוג ביז'ן סוף, פערהאן אויך אזוינע, וואס ווילען בכלל נישט אריינקריכען מיט זייער געזונדען קאפ אין דער אייראפעאישער קראנקען בעט (זיי פיהלען נישט, אז זייער קאפ איז שוין אויך קראנק...) אבער קיינער איז גישטא, וואס זאל סימפאטיזירען מיט דער פאליטיק פון רציחה און רויב און זאל איהר האלטען פאר א גערעכטע און ריכטיגע.

ער זעהט עס אלץ און פערשטעהט גאנץ גוט, וואסערע שטימונג קעגען איהם וועט געשאפען ווערען אין דער גאנצער וועלט אויב די שווערד זאל אויפגעהויבען ווערען און בלוט זאל זיך גיסען. פאר אט דער שטימונג בעפאלט איהם א פחד און ער האט דעריבער מורא פאר מלחמה נישט ווייניגער ווי מיר אלע. נישט אזוי פאר איהרע רעזולטאטען ציטערט ער, ווי פאר איהר גופא.

ביי אט דעם דיאגנאז דארפען מיר, יודען, זיך האלטען און בעמיהען זיך, צו פערפעסטיגען אין אונזער אייגענער פסיכיק דעם גלויבען אין שלום. און אויב אפילו דער דאזיגער דיאגנאז זאל, חלילה נישט אויסהאלטען, וועט ער אונז אבער נוציג זיין שוין איצט, ווייל מיר וועלען אויפהערען צו פיבערן פון דער קראנקער מלחמה-טעמפעראטור נאך איידער די מלחמה גופא איז געקומען, מיר וועלען דערווייל כאטש זיך נישט לאזען צוררייבען צווישען די רעדער פונ'ם שלום-לעבען, וואס בעוועגען זיך דאך פארט ארום אונז.

סאמועל קאץ

אהן איהם

(צו דער ערשטער יאהרצייט פון דניאל דזיאלאוויטש ז"ל)

שוין א יאהר, ווי פון אונזערע רייהען איז דורכ'ן אונברחמנות'דיגען טויט אוועקגעריסען געווארען איינער פון די בעסטע, איינער פון די אויפריכטיגסט, איינער פון די אקטיווסטע טהוער פון היגען האנדווערקערטום — דניאל דזיאלאוויטש ז"ל.

מ י ט א י ה ם — זענען מיר געווען זיכער, אז אלע אנפערטרויטע אמטען וועלען דורך איהם מיט דער גענויסטער פונקטליכקייט, מיט דעם גאנצען אחריות געפלעגט און אבגעהיטען ווערען, נישט אבשטעלענדיג זיך פאר קיין שום שוועריגקייטען, וועלכע האבען געקאנט ענטשטעהן אדער זענען געשטאנען אין וועג צו דער רעאליזירונג פון וואסער ס'זאל נאר נישט זיין האנדווערקער-ענינים.

מ י ט א י ה ם — זענען מיר געווען רוהיג, אז די געשטעלטע אויפגאבען וועלען אויסגעפיהרט ווערען. יעדער האנדווערקער האט געוואוסט, אז ער האט אין דניאל דזיאלאוויטש א ווירדיגען רעפרעזענטאנט אין דער קהלה, ק. ק. א., געזעלשאפטליכען שוץ, גמילת-חסד-קאסע אדער אנדערשוואו און אז ער וועט דעם האנדווערקער'ס אינטערעסען איבעראל פערטיידיגען מיט דעם גרעסטען עקשנות און קאנסעקווענט פאדערען דאס, וואס עס קומט איהם.

אין ערשטען מאמענט, ווען מיר זענען געווען ווי צומישט פון דעם פלוצלינגען קלאפ, וואס דער מלאך-המות האט פאר אונז צוגעגרייט — האט מען זיך נישט געקענט אבגעבען קיין גענויען דין-וחשבון פון דער גרויסער אבידה. איך האב דאס אפילו פאראויסגעזאגט, איך האב פארגעזעהען, אז דניאל דזיאלאוויטש וועט אונז פעהלען אויף שריט און טריט, אז עס וועט נישט זיין ווער עס זאל איהם פערטרעטען. אבער אין אנהויב האב איך אליין נישט געגלויבט, אז ער וועט אונז אויף אזוי פיעל פעהלען, אז אהן איהם וועט דער בלויז זיין אזא גרויסער, אז ס'וועט זיך נישט געפינען קיינער, וועלכער זאל איהם כאטש אין א געוויסער מאס קענען פערטרעטען.

ליידער, ליידער מוז איך מיט דער גאנצער זיכערקייט פעסטשטעלען, אז ביז'ן היינטיגען טאג, נאך א יאהר צייט, איז נישטא קיינער, וועלכער זאל ווייטער ציהען דעם פאדעם, וועלכען עס האט געוועבט אונזער ד. דזיאלאוויטש ז"ל; וועלכער זאל געהן אויף דעם וועג, וואס ע ר האט אויסגעטראטען; וועלכער זאל קעמפען, פאדערען פאר די האנדווערקער מיט דעם זעלבען מוט און שטאלץ, ווי ער האט דאס געטהון.

יא, אזוי איז עס. איצט ערשט זעהען מיר בולט, פיהלען מיר, וואס מיר זענען געווען מ י ט א י ה ם און וואס מיר זענען א ה ן א י ה ם.

מיר איז נאר א וואונדער, פארוואס פון די יוגענדליכע האנדווערקער, וועלכע זענען דאך יא אדורכגעגאנגען א געוויסע פאליטישע שול — פארוואס טרעטען זיי נישט צו צו אקטיווער געזעלשאפטליכער ארבייט אויפ'ן האנדווערקער-געביעט, פארוואס רייסען זיי זיך גארנישט צום לייטער צו דערהאלטען און אפילו אויסצובעסערן די שוין דערוואָרבענע פאזיציעס פון אונזער פערצווייגטער ארבייט, וועלכע איז דאך סוף כל-סוף אויך זייער לעבענס-אינטערעס און עגזיסטענץ?

זיי, די יונגערע גענעראציע, היינט שוין זעלבסטשטענדיגע מייסטער אין אלע פאכען, דארפען זיך וועגען דעם ערנסט פערטראכטען. ס'נויטיגט זיך א פרישער שטראם פון יונג בלוט אין אונזערע האנדווערקער-רייהען, וואס זאל די ארבייט פערשטארקען, פערדאפלען. דאס איז דאס אייביגע געזעץ פון לעבען. יעדע פאליטישע פארטיי, יעדע ארגאניזאציע, יעדע געזעלשאפט, דארף האבען, נויטירט זיך אין יונגע כחות, וועלכע ברענגען אריין אין יעדער בעוועגונג א רוח-החיים. און אזוי דארף דאס טאקי אויך זיין ביי אונז.

און ווען די יונגע צוזאמען מיט דער עלטער גווארדיע וועלען זיך נעמען צו בענייטער אקטיווער ארבייט אויף אלע געביעטען פון היגען געזעלשאפטליכען האנדווערקער-לעבען — וועט דאס זיין דער שענסטער מאמומענט פאר אונזער פערשטארבענעם, טייערען דניאל דזיאלאוויטש און אויך פאר די לעבעדיגע ברייטע יודישע האנדווערקער-מאסען, וועלכע ווילען אין אונז זעהען ווירדיגע נאכפאלגער פון אונזערע פיהרער.

דאס וועט זיין דער שענסטער אויפשריפט אויף זיין מצבה, דאס וועט הייסען אויסגעפיהרט זיין צואה.

ווי יודישע לעטניקעס. זעהט מען טאקי אין וואלד זיצען יודישע און קריסטליכע דאטשניקעס צוזאמען און מען שמועסט זיך געמיטליך, טיילענדיג זיך מיט כיבוד און מען עסט זיך פון די פיסקלעך. ווען זאזשעצקי זעהט די אידיללע, וואס הערשט דא צווישען יודישע און קריסטליכע לעטניקעס, וואלט ער זיינע דרשות אין שטאדט-ראט נישט געקאנט האלטען...

מיר וועלען זיך אויך דאס מאל נישט אריינלאזען אין חקירות וועגען דער סיבה צי דאס איז דערפאר ווייל די נאטור, וועלכע איז דא מילד, מאכט פון די אלע מענשען, אדער נאר דערפאר, ווייל די קריסטען זענען דא אין דער מינדערהייט. א פאקט איז, אז די קריסטליכע לעטניקעס זוכען דא די בעקאנטשאפט פון די יודישע און מען זעהט זיי שטענדיג צוזאמען.

מען לאזט דא אויך נישט לעבען...

מען דאנקט גאט, וואס מען האט זיך ארויסגעריסען פון דער שטאדט מיט איהרע אהן א שיעור צרות און מען וועט דעם קאפ א ביסעל אברוהען. נאר הפנים, אז ס'איז נישט בעשערט, יאגט עס נאך אין דארף אריין אויך.

נעכטען קומט צו מיר א דעלעגאציע פון צוויי טשענסטאכאווער בעלי-בתים און האבען צו מיר אנ'ענין. וואס איז? די מעשה שטעלט זיך פאר אזוי:

אין כושאנסטאוו איז אויף זומער-אברוה א געוויסער ל., אנ'אייגענטימער פון א הויז אין טשענסטאכאוו און אזוי ווי ער האט יענע וואך אויסגעפיהרט אנ'עקסמיסיע, וואלט געווען א פלאן אז עס זאל אריבער צו איהם א דעלעגאציע און אויף איהם ווירקען, אז ער זאל די עקסמיטירטע פאמיליע צוריק אריינגעמען.

דא זענען זיינע נערוועו א ביסעל אויסגערוהט — טענה'ט די דעלעגאציע — וועט לייכטער זיין צו פועל'ן, אז ער זאל נישט זיין קיין פאסקודניאק.

איהר פערשטעהט רבותי, איך האב געמיינט, אז די קארגע פאר וואכען, וואס איך וועל דא פערברענגען, וועל איך קאנען מיין קאפ אברוהען פון די טויזענדער צרות, וואס מיר לעבען איבער אין שטאט, נאר ס'איז הפנים נישט בעשערט, מען לאזט דא אויך נישט לעבען...

וואס היינט קאן אלץ פאסירען...

עס איז שוין אזא אנגענומענער מנהג, אז אויף זומער-וואוינונג פאהרען געוועהנליך פרויען צוליעב'ן אלטען מאטיוו, אז די מענער ארבייטען א גאנץ יאהר, מוזען זיך די פרויען אביסעל אברוהען און נאר אויף שבת זונטאג פאהרען די מענער ארויס צו די פרויען, א גאנצע וואך אבער שוויצען די מענער אין דער שטאדט און די ווייבער פאליען זיך אין דארף.

וויל איך אייך אבער בעווייזען, אז אין די היינטיגע צייטען קאן טרעפען, אז די מענער פאהרען גאר ארויס אין דארף זיך אברוהען און די ווייבער בלייבען אין דער שטאדט און פאהרען נאר צו צו די מענער אויף שבת און זונטאג. דאס איז נישט קיין וויץ, נאר א פאקט. ביי אונז אין דארף האבען מיר געמאכט א סטאטיסטיק און מיר האבען געפונען ביז 7 אזעלכע פאלען.

די מענער זענען א גאנצע וואך אין דארף און ערשט אויף שבת זונטאג קומען צו פאהרען די ווייבער.

אין אזעלכע משונה'דיגע צייטען קאנען אזעלכע אויסטערלישע זאכען אויך פאסירען...

אזוי ווי די היישעריקען...

עפעס אנ'עפידעמיע איז היינט געקומען אויף דער מענשהייט, געמיינט האט מען, אז צוליב דער מלחמה-שטימונג וועט יעדער זיצען אינדערהיים און זיך נישט ריהרען פון ארט, דערווייל איז פונקט פערקעהרט. דאס יאהר פאהרט מען מעהר ווי אלעמאל, מעגליך, אז ערשט איצט ווען די מלחמה-שטימונג איז אביסעל שוואכער געווארען פאהרט מען, אבער, אז זיי האבען יא שוין בעשלאסען צו פאהרען, איז אזוי ווי עס וואלט אויסגעבראכען אנ'עפידעמיע, מען האלט אין איין פאהרען.

וואס דארפט איהר מעהר, אפילו אין אונזער כושאנסטעוו איז אזא צוזאמענגעלויף, אז דאס דארף איז עס נישט אומשטאנד אויפצונעמען, זיי קומען צופליהען אזוי ווי די היישעריקען...

דארפס-געהער

ס'האט מיך שטארק פעראינטערעסירט א יודישער דארפס-געהער, וועלכער האט א בארויסער שפאצירט מיט זיין קראם אויף די פלייצעס. איך כאפ מיט איהם א שמועס און אט וואס ער דערצעהלט מיר.

ער וואוינט אין קאניעצפאל, לאזט ער זיך ארויס איבער די דערפער מיט זיין קרעמעל, וואס בעשטעהט פון א פאר שטיקלעך לייוונט, לאקטשובקעס און ענליכע סחורות, די דאזיגע סחורות נעמט ער ווי געוועהנליך אויף בארג ביי א גרעסערען סוחר און אט מיט דער דאזיגער קראם, וואס בעטרעפט א סך ווייניגער ווי א צוואנציג זלאטעס, לאזט ער זיך איבער די דערפער.

געוועזן א צייט, ווען מען האט אין דארף איבערהויפט נישט געקאנט געהן — דערצעהלט ווייטער דער יוד — לעצטענס אבער, זענען די דארפס-לייט זעהר צופרידען, ווען איך קום צו זיי מיט א ביסעל סחו"ה און אויב די פויערים האבען נאר געלד קויפען זיי ביי מיר. און אויב זיי האבען נישט קיין מזומן, בעצאהלען זיי מיט אביסעל פראדוקטען, וואס איך פערקויף אין דער שטאדט אדער איך נעם עס פאר אייגען געברויך.

עס איז א שווער שטיקעל פרנסה, זאגט צום סוף דער יוד — אבער דאנקען גאט דערפאר, וואס מען לאזט כאטש געהן איבער'ן דארף און אויך דאס, וואס די פויערים האבען צו מיר צוטרויען.

— וויפיעל פערדינט איהר אזוי א וואך — פרעג איך דעם אלטען פער'חושכ'טען יודישען דארפס-געהער. ביי א גוטען מסחר — ענטפערט דער יוד — בלייבט מיר פון א גילדען מיט 50 גראשען ביז א 2 ער גילדען און דאנקען גאט דערפאר, איבער די וואך נעמט זיך צונויף ביז אנ'אכט צעהן גילדען.

איך האב אייך דערצעהלט די דאזיגע בעגעגעניש, כדי אייך צו בעווייזען, אז ערשטענס קאן א יוד שוין געהן אין דארף — און צווייטענס אויב א יוד, וועלכער ווערט פערשווארצט א גאנצע וואך איבער די דערפער פערדינט ביז 8 גילדען א וואך, איז ער צופרידען און זאגט זו לטובה...

איין יוד אין דארף

כושאנסטאוו פערמאגט איבער 150 הייזער און פון זיי נישט קיין איין יודיש הויז. דער איינציגער יוד, וואס וואוינט אין כושאנסטאוו איז א קצב, וועמענס עלטערן ס'וואוינען אין כושאנסטאוו מכמה דורות, זיינע עלטערן האבען זיך פערנומען מיט מילכיגס, געהאנדעלט מיט פריצישע הויפען און דער זוהן האט זיך גענומט, צוליב היינטצייטיגע טעמים, נעמען צו פליישיגס...

כאטש אין דעם גאנצען דארף איז נישט מעהר פערהאנען ווי איין יוד קאן מען פונדעסטוועגען פעסטשטעלען, אז אין בעצוג צו די פויערים איז ער דער ארימסטער, וועלכער פערמאגט נישט, נישט קיין פעלדער און נישט קיין אינווענטאר, כאטש ער איז נאר איין יוד אין דארף...

לויתן

טשענסטאכאווער בויען א הויז אין תל-אביב

(פון אונזער ארץ-ישראל-קארעספאנדענט עזריאל יאקובאוויטש)

שוין נישט צום ערשטען מאל ווי טשענסטאכאווער יודען העלפען אקטיוו מיט צום בנין-הארץ. ווי עס דערצעהלט די געשיכטע פון טשענסטאכאווער אין תל-אביב, האט מיט בערך פופצעהן יאהר צוריק עגזיסטירט אין תל-אביב א בוי-קבוצה אונטער דער פירמע „פרייטאג", טאקע אויף'ן נאמען פון אונזער היינטיגען פ"עוזעס גאדל פריי-טאג, וועלכע האט אויף איהר „געווי-סען" צעהנדליגער הייזער אויפגעבויטע אין תל אביב. די קבוצה איז דאמאלס בעשטאנען פון די ערשטע חלוצים-פיאנערן פון טשענסטאכאו, וועלכע זענען אנגעקומען קיין תל-אביב. זיי זענען כמעט אלע ארגאניזירט געווא-רען אין דער קבוצה „פרייטאג", וועמענס אויפגאבע איז געווען אויפבויען און שאפען הייזער אין תל-אביב. אינ-טערעסאנט דערביי, אז דאמאלס האט זיך אויך געפונען אין דער טשענסטא-כאווער קבוצה א טשענסטאכאווער יונגער קריסט דעם בוי-אונטערנעהמערס בוכענהיים א זוהן, וועלכער האט א צייט לאנג געפראוועט חלוציות צוזא-מען מיט זיינע יודישע חברים און זיך זאגאר געוואלט דא מגייר זיין.

די געשיכטע איבערחזורט זיך. ווי-דער האבען זיך א גרופע טשענסטא-כאווער בחורים צוזאמענגעטראפען ביים בויען א הויז. יעצט איז געקומען דערצו דורך א צופאל. דער בעקאנטער טשענסטאכאווער אינדוסטריעלער י. ק. האט דא אפגעקויפט א גרויס הויז אויף פנת בלפור שדרות ראטשילד. דאס הויז האט ער כמעט אינגאנצען איבערגעענדערט און איבערראמאנטירט, מאכענדיג דערפון א ניי-מאדערן הויז מיט צענטראל בעהייצונג און אנדערע מאדערנע איינריכטונגען, צוגעפאסט צו די תל-אביבער פראכט הייזער.

צום שבח פון ה' ק. מוז דערמאנט ווערען, אז ער האט אנגאזשירט צו איבערבוי פון הויז כמעט בלויז טשענ-סטאכאווער, אזוי מאכליים, ווי געווע-ליכע ארבייטער.

אזוי-ארום האבען זיך טשענסטאכא-ווער צוזאמענגעטראפען און ביי דער ארבייט איז געשאפען געווארען א היי-מישע סביבה. ארום הויז דרעהט זיך ארום דער פאטער פון בוי-אייגענטי-מער דער אלטער טשענסטאכאווער בעל-הבית ה' מ. ק. נאכהער קאן מען בעמערקען דעם אמאליגען טשענסטא-כאווער אינסטאלאטאר פון קאנאליזאצ-יע ה' זעזמיר, וועלכער אינסטאלירט די וואסער-איינריכטונגען. אויף די לייטערן קלעטערן ארום די טשענסטא-כאווער מאלער ברידער גרושקא און נאכהער זעהט איהר אויף די רושטא-וואניעס די חלוצים ב. הערצבערג, י. ראפאפארט און דעם שרייבער פון די שורות. די לעצטע שלעפען ציגעל, הא-קען די מויערן, טראגען קאלך און טהון אלץ, וואס נאר געוועהנליכע ארבייטער האבען די אויפגאבע.

כאטש די ארבייט איז נישט קיין לייכטע, די זון ברענט אונברחמנות'-דיג, עס איז דאך עפיס תמוז דער הייסטער חודש פון יאהר, דאך ארבייט זיך זעהר אנגענעהם. חברה איז לוס-טיג, מען וויצעלט זיך און מען מאכט פערשידענע קונצען. די אכט שעה לויפען אדורך ווי קיינמאל גארנישט, מען נעמט די ארבייט פערליב. טייל-מאל פערגעסט מען גאר, אז מען איז אין ארץ ישראל און חברה צושמועסט זיך אויף פויליש.

מיר קריכען אויף די רושטאוואניעס, לויפען אויף די שטאקען, בויען גערן, ארבייטען מיט פערגעניגען, בעוועגען זיך פריי און זיכער, ווייל מיר ווייסען, אז מיר בויען א יודיש-הויז. עס וועט תמיד זיין יודיש אונזער. עס וועט קיי-נער מארגען נישט קומען און אונז דערפון אוועקטרייבען, דערפאר איז די ארבייט ליעב, מען לעגט אריין אין הויז די גאנצע ענערגיע און איני-ציאטיוו.

דאס הויז איז שוין כמעט ווי אויפ-געבויט, דא געהט אלץ מיט א שנע-לען טעמפא, אמעריקאנער סיסטעם, מען מוז אלעס שנעל מאכען, איבער-הויפט וואוינונגען פרישע מוזען ווי אמשנעלסטען ווערען אויסגעפערטיגט, עס איז דאך אנ'אונגעהויערער שטראם פון פרישע עולים. יעדען טאג קומען אריין אין לאנד הונדערטער יודען, לעגאל — אונלעגאל, אלע קומען אין יודישען לאנד, ווייל זיי ווערען גע-יאגט און געפלאגט און דא איז דער איינציגער מקום מקלט. פון זיצען אויף קיינעמס ערד חדשים, פון וואלגערן זיך אויף די ים'ען און וואסערן, בע-קומט מען דא א באדען אונטער די פיס.

דעם ביישפיל פון ה' ק. ברויכען נאכטהון פיעל טשענסטאכאווער אינ-דוסטריעלער און הויז אייגענטימער און צונעהמען אויסשליסליך טשענסטאכא-ווער צו דער ארבייט און אנדערע בעשעפטיגונג.

לאמיר האפען, אז די התחלה וועט זיין א געלונגענע און טשענסטאכאווער וועלען זיך פערקוקען אויפ'ן ה' ק. אין נאמען פון די טשענסטאכאווער ווינשען מיר די פאמיליע ק. א תחזקנה ידיכם צום אויספערטיגען דאס אלט-נייע הויז.

א שמד-טראגעדיע אין ווילנע

די מוטער רייסט זיך אריין אין קירך. זי ראנגעלט זיך מיט'ן המון און פאליציאנטען. די טאכטער איז אבגע'שמד'ט

וויעלון האט געהאט א טרויעריגע סענסאציע. דער שוי-פלאץ: פלאץ לע-גיאנוב, פאר דער קירך. די צייט: שבת האלב אכט פריה, גראד ווען דער כולם געהט אין שוהל אריין. פאר דער קירך (וועלכע גרעניצט זיך אגב מיט דער שוהל) א געשטעה פון ניי-געריגע. זעהט אויס, אז ס'קומט פאר אין דער קירך עפעס טשעקאוועס.

מיט אמאל א יודישע פרוי רייסט זיך אריין מיט א פוריע אין קירך אריין, עס הערט זיך א יאמערליך געשריי: געוואלד, געטפ מיר אב מיין טאכטער! טאכטער מיינע, וואס געהה-ססו כהון?! אין דער קירך ווערט א סומאטאכע, מען האלט די יודענע איין, דער גלח הייסט זי ארויספיהרען, די יודענע ראנגעלט זיך און לאזט זיך נישט, זי רייסט זיך מיט די לעצ-טע כחות צוריק. פונקט ווי די טאכ-טער וואלט זיך וועלען אראבווארפען פון פינפטען שטאק און זי וויל זי אין לעצטען מאמענט ראטעווען.

מען רופט פאליציי, זי ראנגעלט זיך אויך מיט די פאליציאנטען, און קוים וואס מען פיהרט זי ארויס ביי קללות אויפ'ן אדרעס פון דער משומדת.

דאס מיידעל, וואס שטעהט אין ווייסען פאר'ן אלטארזש, ביים אונטער-פיהרעכץ פון חשוב'ע גלויביגע, כאפט זיך פאר'ן פנים: אוי, מיין מוטער! שלאגט זי נישט!

אין דרויסען פאר דער קירכע שטעהט שוין גרייט א דראזשקע די יודענע אבצופיהרען אויפ'ן פאליציי-פאסטערונעק. דא קומט פאר א ניי געראנגעל, די יודענע ווערט זיך און שלאגט פון אלע זייטען. די פאליציאנ-טען קענען זיך נישט קיין עצה געבען.

ביים המון, יודען און קריסטען, צו שפילען זיך די ליידענשאפטען, עס הערען זיך אויסרופען: נעמט זי מיט מיט כח, די קלעמפע, בינדט זי! עס רייסען זיך ארויס עטליכע ציוויל-לייט (אנ'אפטייקער, אנ'אייגענטימער פון א געוועלביל ביי דער קירך, אנ'אר-גאניסט און א רעדאקטאר'ס זוהנדעל), וועלכע נעמען די אומגליקליכע שטוי-סען און שלאגען און מיט כח ארויפ-ווארפען אויף דער דראזשקע. עס פערטשעפעט זיך ביי איהר א פיס, ארויפשלעפענדיג אויף די דראשקע און קוים, וואס דער פיס ווערט ביי איהר בעפרייט, נאכדעם ווי ער ווערט שטארק פערוואונדעט און פערבלוטיגט. א יודישע פרוי שרייט אויס: וואס ווילט איהר פון איהר, זי איז דאך א מאמע. מען ווארפט זיך אויך אויף איהר און מען פיהרט זי אב אין ארעסט. די טויף-צערעמאניע אין דער קירך ווערט פארטגעזעצט.

* * *

אבער נישט בלויז די מוטער, אויך דער פאטער איז געשטאנען מיט א פערבלוטיגט הארץ פאר דער קירך און די טרעהרען האבען זיך געקיי-קעלט אויף זיין פערשווארצט פנים.

ביידע זענען געקומען געלאפען אזוי ווי זיי שטעהען און געהען אין די ארבייטס מלבושים, פון גאנץ ווייט אזש פון די קרעסען, פון א שטעדטיל אין דער ווילנער וואיעוואדזטווא.

זיי זענען געוואויר געווארען, אז זייער טאכטער גרייט זיך אין ווילנע צום שמד, כדי חתונה צו האבען פאר א ווילנער קריסט (א געוויסען שאט-קאווסקי), וועלכער האט געארבייט אין דעם שטעדטיל עטליכע יאהר און די טאכטער האט זיך מיט איהם געקענט.

* * *

מיט די אומגליקליכע עלטערן איז געקומען אנ'אינטעליגענטע פרוי, א געוויסע קאליש, א ווילד-פרעמדע, וואס וואוינט אין שכנות. זי האט נישט געקענט צוזעהען דעם צער פון די עלטערן, איבערהויפט פון דער מוטער, וועלכע האט געוואלט בעגעהן זעלבסט-מארד און האט זיך געאפפערט, מיט-פאהרענדיג די ווייטע שטרעקע אויף אייגענע הוצאות, כדי צו העלפען אבצואפעווען די טאכטער פון שמד.

די פרוי קאליש האט בעזוכט דעם היגען פראבאשטש אין דער וואוינונג. דער פראבאשטש האט איהר אבער ערקלערט, אז דאס מיידעל איז פול-יעהריג, זי האט זיך צוגעגרייט און בעלייגט דעם נויטיגען עקזאמען און ער האט קיין שום סיבה נישט צו שטערען איהר דאס טוישען די אמונה.

אויף דער אינטערווענץ פון קהלה-פרעזעס האט מען זונטאג די פרוי בעפרייט פון פערוועגן ארעסט. די קהלה האט זי אולאקעוועט אין דער רעסטאראציע פון יונה שולזינגער. די פרוי, א האגערע און פערפראצעוועטע האט געיאמערט און געקלאגט און זיך נישט געוואלט בערוהיגען, נישט ווע-לענדיג גארנישט טועם זיין. אויך דער פאטער (רעדט האלב ליטוויש, טראגט א וועליציפעט היטעל, קענטיג אנ'-עהרליכער הארעפאשנער יוד, וואס ארבייט שווער אויף פרנסה) האט אויך ביטער געוויינט: ווי אזוי קומט מען אין דער שטוב אריין? ווי בע-ווייזט מען זיך אין גאס פאר מענשען? פינסטער איז אונזער וועלט...

אזוי ווי זיי זענען געבליבען אהן הוצאות, האט די קהלה זיי געגעבען 25 זל. צושטייער (דער יוד האט נישט געוואלט נעמען און געוואלט געהן צו פוס) אויך די „הכנסת אורחים" האט געגעבען א געוויסע סומע און זיי גע-שאפט אויף הוצאות.

* * *

דער פארפאל האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אין שטאדט, נישט דערפאר, ווייל עס האט זיך אבגע'-שמדט א מויד צוליב א שגץ, מילא וועט זיין א מויד ווייניגער, נאר צוליב דעם גרויסען צער פון די עלטערן, ביי וועלכע דער שמד איז צעהן מאל ערגער ווי א טאכטער וואלט זיי גע-שטארבען. אויך איז געווארען בריים קאמענטירט די פאסירונג מיט דער פרוי היי דער קירך, וואס איז א זעל-טענהייט אין דער כראניק.

רעזולטאט פון די וואהלען צום 21-טען ציוניסטישען קאנגרעס אין טשענסטאכאו

זונטאג זענען — אזוי ווי אומעטום — אויך אין טשענסטאכאו פארגעקומען די וואהלען צום 21 טען ציוניסטישען קאנגרעס, וועלכע האבען געגעבען פאלגענדען רעזולטאט:

אויף דער אלגעמיינער צאהל 3321 שוקלים האבען זייערע שטימען אבגע-געבען אנ'ערך 70 פראצ. 2390.

די ליסטע נר. 1 (על המשמר) האט בעקומען 227 שטימען, ליסטע נר. 2 וועלט פערבאנד — 62 שטימען, נר. 3 (מזרחי) — 606 שטימען, נר. 4 (יודענ-שטאטס פארטיי) — 78 שטימען, נר. 5 (ליגע פאר'ן ארבייטענדען ארץ ישראל) — 1120 שטימען, נר. 6 (לינקע פועלי-ציון)—204, נר. 7 (הנוער)—94 שטימען.

פסח'קע בורשטין און ליליאן לוקס אין טשענסטאכאו

פריילינע טעאטער - סענסאציע

די גרויסע אמעריקאנער ביהנע-שטערנס פסח'קע בורשטין און ליליאן לוקס האבען בעשלאסען פאר זייער אבפאהרען נאך אמעריקע צו בעזוכען צוזאמען מיט זייער פרעכטיגען קינסט-לער-אנסאמבל אונזער שטאדט נאר בלויז אויף 2 פארשטעלונגען, וועלכע וועלען פארקומען שוין דעם 1-טען און 2 אויגוסט אין זאל פון די פייערלעשער

דער טשענסטאכאווער טעאטער-עולם וועט האבען די מעגליכקייט זיך הארי-ציג צו וויילען אויף די פארשטעלונגען, וועלכע בעשטייען פון די פרייליכסטע און נייעסטע טעאטער - סענסאציעס, וועלכע זענען געשפילט געווארען מיט'ן גרעסטען ערפאלג אין אלע הויפט-שטעדט פון ביידע קאנטינענטען.

אלס ערשטע פארשטעלונג ווערט אויפגעפיהרט מיט אייגענע פרעכטיגע דעקאראציעס און פיעלפארביגע עפעק-טען דער גרעסטער שלאגער מיט 25 נומערן הארציגע מוזיק „דער קאמע-דיאנט".

בילעטען פארפערקויף אין דרוקעריי פון ה' באטשאן, אלעע 6.

א רעפעראט וועגען עניני-הדת און „שומרי-שבת" אין שטאדט-שוהל.

היינטיגע וואך איז געקומען אין אונזער שטאדט דער בעריהמטער דרשן און מטיף הרה"ג ר' אשר אנשיל שו"ש שליטא, אנ'אייניקעל פון גרויסען גאון בעה"מ תבואות שו"ר זצ"ל.

הרב ר' אשר אנשיל שליטא איז בעקאנט פון זיינע אפטע מאמרים אין יודישען „טאג-בלאט" ווי אויך אנדערע רעליגיעזע צייטונגען, וואו ער טרעט ארויס וועגען עניני-הדת און שמירת-שבת.

אויף דער אויפפאדערונג פון א גרוי-סע היגע רעליגיעזע יודען אין אונזער שטאדט, וועט הרב ר' אשר אנשיל שליטא האלטען וועגען די אויבענדער-מאנטע ענינים א דרשה מארגען שבת פ' ואתחנן א זייגער 4.30 נאכמיטאג אין דער שטאדט-שוהל.

שווער פערוואונדעט אנ'ארבייטער פון הארעוויטש'ס פאבריק

אין דער פאבריק פון אייזען-בעשלאג פון הארעוויטש און שותפים אויף קרוטקא 25—27 איז געשעהן א טראגי-שער פארפאל, בעת וועלכען ס'איז פערוואונדעט געווארען דער ארבייטער יוזעף באליק. בעת'ן איבערפיהרען דראט מיט דער ווינדע פון ערשטען שטאק אויפ'ן פארטנער, האט זיך אי-בערגעריסען די שטריק פון דער ווינ-דע, צוליב וואס די ווינדע איז אראב-געפאלען און צונעקוועטשט צו א וועל-גערע באליק'ס קאפ.

א שווער פערוואונדעטער איז דער ארבייטער איבערגעפיהרט געווארען אין יודישען שפיטאל אויף זאוואדזיע.

נדבות איז רעדאקציע פאר „תומכי-עניים".

פרוי העלא הערץ צו דער ערשטער יאהרצייט פון איהר פאטער אברהם משה קירשענבוים ז"ל 10 קילא ברויט.

אדוו. ה' פ. האפטקא צו דער יאהר-צייט פון זיין פאטער 10 קילא ברויט.

ה' משה וואלקאוויטש און פרוי צום געבורט פון זייער זוהנדעלע 10 קילא ברויט.

אנ'אויספלוג אויף די „טאז"-קאלא-ניעס אין טשענסטאכאווער ראיאן

כדי צו בעקענען דעם טשענסטאכא-ווער עולם מיט די גאנץ און האלב-קאלאניעס פון „טאז" אין דער טשענ-סטאכאווער אומגעגענד ווערען איינגע-ארדנעט 2 אויספלוגען: 1) קיין מסטוב, פושירוב, כזשאנסטוב, יאנאוו און אלשטין זונטאג, דעם 30 ד.ח. 7 פריה, וואס וועט דויערן ביז 7 אווענד מיט פולער אויסהאלטונג צום פרייז פון 7 זל. פון א פערזאן.

2) קיין קלאבוצק און קושעפיץ — מאנטאג, דעם 31 טען דח. 8 א זייגער פריה ביז 3 נאכמ. מיט פולער אויס-האלטונג פאר 4 50 פון א פערזאן.

די געסט וועלען אנוועזענד זיין אויף די קינדער-פערוויילונגען אויף די קאלאניעס.

איינשרייבען זיך אויף די אויספלוגען קאן מען אין „טאז" סעקרעטאריאט, ב. יאסעלעוויטש גאס 3, טעל. 17-56.

אומגליקס-פארפאל אויף דער צו-ריקרייזע פון האנדווערקער-קאנגרעס

דער פריזיער וויושיקאווסקי פון בידגאשטש האט געווילט אין טשענ-סטאכאו אויפ'ן האנדווערקער-קאנגרעס, צוריקפאהרענדיג איז ער אין ניי-הערבי ארויסגעשפרינגען פונ'ם לויפענדען צוג אזוי אומגליקליך, אז די רעדער האבען איהם אבגעשניטען א פוס. דער פער-וואונדעטער איז אבגעפיהרט געווארען אין שפיטאל אריין.

אנ'אקופאציע - שטרייק אין דער קנעפ - פאבריק

אין דער קנעפ פאבריק, וואס בעש-עפטיגט אנ'ערך 300 ארבייטער איז אויסגעבראכען אנ'אקופאציע-שטרייק. די שטרייקענדע פערלאנגען א קאלעקטי-ווען אבמאך, ווי אויך א געוויסע לויהן-הוספה.

גרויזאַמע פערפלייצונג אין טשענסטאָכאָוו

נאָך די אומבארחמנות'דיגע היצען איז געקומען א מבול-כוואַליע אויף טשענסטאָכאָוו און דער אומגעגנד. פון מאָנטאָג אָן איז דער רעגען כסדר געפאַלען און זיך געשטאַרקט, אזוי, אז מיטוואָך איז באמערקט געוואָרען א גרויסער צופלוס פון וואַסער אין טייך וואַרטאַ, קוצעלינקאַ און אנדערע. ס'איז אָבער נישט געווען צו ערוואַרטען, אז דער וואַסער-צופלוס וועט אננעמען אַזעלכע פאַרמען.

אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטאַג ארום 12 א זייגער האָבען זיך דערהערט די אַלאַרם סיגנאַלען פון די פייערלעשער. ס'האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די וואַסערען טרעטען ארויס פון די ברעגעס. אין משך פון איינינגע מינוט איז די געגענד זאַוואַדזיע און די פעריפעריעס געווען פערפלייצט פון וואַסער. עס איז פערגאָסען געוואָרען דער נאַרוטאָוויטשאַ מאַרק. אויף סטראַדאָם איז אַראָבגעריסען געוואָרען אַ בריק. די איינוואוינער פון די נידריגערע הייזער זענען עוואַקויִרט געוואָרען. אין פיעל הייזער, וואו דאָס וואַסער איז ארייַנגעדרינגען אין די קעלערן און פאַרטער וואוינונגען, האָבען די לאָקאַטאָרען זיך אויסבעהאַלטען אויף די בוידעמס און דעכער. אויף מאַנכע גאַסען זענען מענשען געשווימען אויף באַליעס און קאַסטענס אָדער צו פוס געשפרייזט ביז'ן האַלז אין וואַסער, וואָס האָט פערגאָסען פעלדער, גאָרטענס און אונטערגעשווענקט איינינגע בריקען. דאָס וואַסער האָט זיך אויך ארייַנגעריסען אין די פאַבריקען: סטראַדאָם, וואַרטאַ, פּאַבּיאַניצע א. א.

עס איז מאָמענטאַל אָרגאַניזירט געוואָרען א רעטונגס-אַקציע, אין וועלכער ס'האָבען זיך בעטייליגט די פייערלעשער, פּאָליציי, אַרבייטער-בריגאַדעס און מיליטער. די לעצטע האָבען מיט שטריק און קייטען פערפעסטיגט די בעדראָהטע בריק הינטער דער עלעקטראָווניע, ווי אויך די קאָלעקטיווע עלעקטרישע קאַבלען.

במשך פון דער נאַכט זענען אויף די שׂכנים, וואָס זענען בעדראָהט פון דער פערפלייצונג, אָנגעקומען ווויעוואָדע סטאַראָסטאַ זאַכעמסקי, שטאָדט פּרעזידענט שטשאַדראָווסקי און פּאָליציי-קאָמענדאַנט אָלענדזקי.

ס'וויַיזט זיך ארויס, אז די פערפלייצונג האָט אָנגענומען קאָלאָסאַלע פאָרמען און גורם געווען גרויסע שאָדענס.

די פערפלייצונג האָט אויך פערגאָסען די פעלדער אין קאָרווינוב, סלאָוויק און פעראורזאַכט א הפסקה אין דער באַהן-קאָמוניקאַציע טשענסטאָכאָוו–הערבי, צוליעב וואָס די פּאַסאַזשירען זענען געצוואונגען אין גנאַשין זיך איבערצוועצען אין א צווייטער צוגע-גרייטער באַהן, וואָס פיהרט זיי אָב קיין טשענסטאָכאָוו. א הפסקה איז אויך אריינגעטרעטען אין דער באַהן-קאָמוניקאַציע טשענסטאָכאָוו – שעמקאָוויץ, וואוהין די צוגען געהן דורך אַנ'אומוועג.

נעכטען אין די פריהמאָרגען שעה'ן איז דאָס וואַסער אַביסעל געפאַלען, אָבער די געפאַהר איז נאָך נישט אַדורך, כאָטש די לאַגע ווייזט אויס צו זיין בעהערשט.

די רעטונגס-אַקציע דויערט.

גרויסע פערפלייצונג אין קושעפּיץ און אומגעגענד

לעהרער-פּערסאָנאַל העלדיש געראַטעוועט די קינדער פון דער „טאָז" - קאָלאָניע

אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך אַמאָל געפינען דער היסטאָרישער שלאָס פון קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסען און געהער היינט צו דער פייציעשער משפחה קאָוואַלסקי, הינטער דער שטאָדט אויפ'ן וועג קיין קוזשניטשקע– האָט דער טשענסטאָכאָווער „טאָז" היי-יאהר אָבגערינגען דעם דאָזיגען שלאָס פאַר דער קושעפּיצער קאָלאָניע, וואו עס האָבען געפונען זייער אָברוה איבער 140 יודישע קינדער.

די פעלדער, גערטנער, סעדער, וועלכע ציהען זיך ארום דעם שלאָס אויף איינינגע קילאָמעטער ווייט, ווי אויך דער נאָהענטער טייך ליס-וואַרטאַ – שאַפען א וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע און הערליך פּאַנטאַסטיש בילד. יודען האָבען דאָרט קיינמאָל נישט געהאַט קיין דריסת הרגל. דאָס איז דער ערשטער פאַל, וואָס מען האָט דעם שלאָס אָבגעגעבען צו דער דיספּאָזיציע פון „טאָז" און די קינדער האָבען פון זייער דאָרטיגער ריינער לופט און זון גענאָסען אין דער פולער מאָס, פון וואָס זיי זענען מאַקי גליקליך און צופרידען.

דאָס איז די שענסטע געגענד פון אַלע 11 קאָלאָניעס, וואו דער „טאָז" האָט דאָס מאָל געשטעלט זיינע זומער-לאַגערן.

נאָך דעם שעהנעם וועטער, נאָך די זוניגע טעג, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געשטעלט, האָט זייט דינסטאָג מיטאָג צייט אָנגעהויבען רעגענען אין קושעפּיץ און אין דער גאַנצער אומגעגענד. דער רעגען, מיט געוויסע איבעררייסען, איז געווען א נאָרמאַלער, אזוי אז ער האָט ביי קיינעם נישט געוועקט קיין שום מורא פאַר געוויסע פאָלגען.

נישט קוקענדיג אויפ'ן כסדר'דיגען שלאַקס רעגען, וואָס האָט געגאָסען אויך מיטוואָך פריה, האָבען זיך די קינדער אין פולען קאָמפּלעט געשטעלט פון שטאָדט אין דער קאָלאָניע. די קינדער, נאָכ'ן אָבעסען פריהשטיק, האָבען, אונטער דער אויפזיכט פון לעהרער-פּערסאָנאַל, געזונגען, געטאַנצט, געשפּילט פריהליך און זאָרגלאָז, אנשטאָט אויף די פעלדער אונטער'ן פרייען הימעל, אין די צימערן פון שלאָס.

ארום מיטאָג-צייט איז דער גאַנצער קאַל אָרום און אָרום שוין געווען פערגאָסען און אויסגעזעהען ווי איין גרויסער טייך, אָבער קיין געפאַהר האָט נישט געדראָהט. ערשט האַלב צוויי, ווען די קינדער האָבען גאָר-וואָס געהאָט אָבגעגעסען מיטאָג, איז די לעהרערין פּרל. מגר. כמיעלניצקאַ געקומען צום שרייבער פון די שורות, וועלכער געפינט זיך דאָרט זייט צוויי טעג, מיט דער ידיעה, אז צוליעב דעם כסדר-שטייגענדען רעגען, ווערט די לאַגע וואָס אמאָל ערנסטער, אזוי אז עס נעמט אָן א קאַטאַסטראָפאַלען כאַראַקטער. מיר געהען ארויס אויפ'ן וועג, וואָס פיהרט צו דער שטאָדט און זעהען, אז די גאַנצע ריכטונג איז פערגאָסען ביז איבער די קניהען. צוליעב דעם, וואָס קיינער פון די קאָמיטעט-מיטגלידער איז נישט געקומען מודיע זיין וועגען דער דראָהענדער געפאַהר, האָבען מיר אליין בליץ שנעל אָבגעהאַלטען א בעראַטונג און תכף געשיקט אין שטאָדט אריין צוויי דערוואַקסענע מענשען נאָך פוהרען, וועלכע זאָלען די קינדער אהיימפיהרען. נאָך א פאָר מינוט זענען זיי צוריקגעקומען און געמאָלדען, אז די בריק איז אונטער-געשווענקט און פּאָליציי מיט די פייער-לעשער היטען די בריקען און לאָזען, צוליעב דער געפאַהר, נישט אַדורך קיין שום פוהר. די זעהר ענערגישע לעהרערין, פּרל. מגר. צבי'ה כמיעלניצקאַ (פון וואַרשאַ), האָט נישט לאַנג טראַכטענדיג אַראָבגעוואָרפען פון זיך די שיך און אונטער א שלאַקס רעגען, וואָס האָט נישט אויפגעהערט ניסען אויף קיין איין מינוט, אָנגעהויבען אריבער-טראָגען די קינדער איבער'ן וואַסער אויפ'ן טראָקט. די צווייטע לעהרערין, פּרל. מגר. האַנקאַ האַראָוויטש האָט דערוויַיל מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען און אַלע כחות געהאַלטען די רעשט קינדער אין די צימערן, וועלכע האָבען – דערוויסענדיג זיך פון די אָנקומענדע וועגען דער פערפלייצונג – אָנגעהויבען שטאַרק וויינען און ספּאַזמירען. מען האָט געמוזט אָנמעלדען פּיל מיה די קינדער צו בעהערשען. באַלד זענען אויך אָנגעקומען פון שטאָדט איינינגע בראַווע יונגעלייט אויף ראָווערען און אָנגעהויבען אַריבער-טראָגען בארוויסהייט צו 4–5 קינדער אויף אמאָל. אין 15 מינוט שפּעטער זענען אַלע 140 קינדער שוין געווען אויסער יעדער געפאַהר און ערשט דאַן האָבען מיר צוזאַמען מיט'ן לעהרער און טעכנישען פּערסאָנאַל, טאַפּטשענדיג ביז אין דער העלפט אין וואַסער, פערלאָזט דעם שלאָס.

די ידיעה, וועלכע האָט זיך שנעל פערשפּרייט איבער דער שטאָדט, האָט אויף אַלעמען געמאַכט א קאָלאָסאַלען איינדרוק. אַלע זענען געקומען צו לויפען ביז צו דער ערשטער בריק זעהען די פערפלייצונג, וואָס – לויט ווי עס דערצעהלען אַלטע תושבים – האָבען זיי נאָך אזעלכעס נישט געזעהען.

מען מוז מודה זיין, אז דער פריץ ה' קאָוואַלסקי, וועלכער איז געלעגען זייט איינינגע טעג קראַנק, האָט זיך גלייך אויפגעהויבען פון בעט און אונז מיט ראָט געהאָלפען אין דער רעטונגס אַקציע.

צוליעב דער ריזיגער פערפלייצונג איז די אויטאָבוס קאָמוניקאַציע אין דער ריכטונג קיין וויעלון צייטוויַיליג אָבגעשטעלט געוואָרען.

דעם לעהרער-פּערסאָנאַל, ווי אויך די יונגעלייט: אַברהם ראָזין, הערש גראַנעק, אַברהם שלאָמקעוויטש, שלה שלאָמקעוויטש, קאָפּעל לאַכמאַן, לייב רובינשטיין – פאַר זייער שנעלער, ענערגישער און אָפּפערוויליגער רעטונגס-אַקציע – קומט דעם גרעסטען דאַנק און אנערקענונג.

אַלט-קושעפּיץ און קוזשניטשקאַ זענען אינגאַנצען פון ביידע זייטען אָבגעשניטען און ס'איז דערוויַיל נישט פערהאַן קיין שום מעגליכקייט צוצופיהרען שפּייז פּראָדוקטען. אַלע בריקען זענען אויפגעריסען און אַוועקגעשווימען, אַלע פעלדער זענען טיעף פערגאָסען און זעהען אויס ווי איין גרויסער שטראָמיגער טייך. פון שטאָדט זעהט מען ווי אויף די פעלדער שווימען אָרום סנאָפּעס געשניטענע ווייץ און קאָרן. דער חורבן און שאָדען איז זעהר גרויס.

די לאַגע איז זעהר ערנסט און נעמט אָן צוליעב דעם ווייטערען רעגען וואָס אַמאָל מעהר א קאַטאַסטראָפאַלען כאַראַקטער. די פויערים פון די ארומיגע דערפער זענען ביינאַכט אַרויס פון די שטובען, ווייל שוין דאַן זענען זייערע הייזלעך פערגאָסען געוואָרען ביז אין דער העלפט.

דאָס ביליטער טרעט צו דערוויַיל לייגען פּראָוויזאָרישע בריקען, כדי די וויעלונער אויטאָס, וואָס זענען געבליבען שטעהן אין מיטען שאָסע און קענען נישט אהין און נישט צוריק, זאָלען קענען אַריינקומען קיין קושעפּיץ.

מ. קויפמאַן.

פון „בית לחם"

דער בלומעל-טאָג פון „בית-לחם", וואָס איז פאַרגעקומען דעם 13 ד. ח. האָט אַריינגעבראַכט 146.08 זלאָטעס. הוצאות 9.35 זל., ריינע הכנסה 136.73 זלאָטעס.

Kino „LUNA"

PODEJRZENIE

די פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט איבער דער וועלט, האָט פערראַטען!

אין די הויפּט-ראָלען:

GAIL PATRIEK

WARREN WILLIAM

ערלויבט פאַר יוגענד פון 18 יאָהר אָן.

Kino STYLOWY

Aleja 27.

היינט און ווייטערע טעג

דער זעהר סענסאַציאָנעלער פילם

PRZYGODA WE DWOJE

מיט'ן אנטייל פון ערסטקלאַסיגע אַרטיסטישע קרעפטען.

חוץ דעם: קלאַנג-און פאַט-צוגאַבען.

פייערליך געשלאָסען דעם ערשטען סעזאָן „טאָז" - קאָלאָניע אין בלאַכאָווניע

זונטאָג 4.30 נאָכמיטאָג איז אין בלאַכאָווניע פאָרגעקומען די פייערליכע שליסונג פון דעם ערשטען סעזאָן „טאָז" קאָלאָניע אין בלאַכאָווניע, וואו ס'האָבען געפונען זייער זומער-היים איבער 200 קינדער.

צו דער פייערונג זאנען געקומען צו פאָהרען אין א ספּעציעל-געדינגענעם אויטאָבוס דער פּרעזעס פון דער היגער קהלה ה' ראָזענבערג, דאָזער קאַניעצפּאָלער, א פאָרשטעהער פון דער אובּעזפּיעטשאַלניע, א רייהע דאָקטוירים, „טאָז"-פערוואַלטונג, פּרעסע-פאָרשטעהער און איינינגע הונדערט געסט פון בלאַכאָווניע.

די פייערונג הויבט זיך אָן מיט א פאָרשטעלונג פון די קאָלאָניע קינדער, וועלכע האָט זיך דאָס מאָל אונטערשיידט דערמיט, וואָס אַלץ פון אָנהויב ביז'ן סוף, איינשליסליך די רעדעס, זענען אויסגעפיהרט געוואָרען בלויז דורך די קינדער און די עלטערע געסט זענען געווען נאָר צושויער.

דאָס סימפּאַטישע בעתנטע מיידעלע וואַרגאָן עפענט די פאָרשטעלונג מיט א בעגריסונג פאַר די געסט, וועלכע האָבען מיט זייער קומען צו דער שמחה פערשאַפט די קינדער פיעל נחת און פרייד. די איינלייטונג ווערט שטאַרק אַפּלאָדירט.

דאַן הויבט זיך אָן די אייגענטליכע פאָרשטעלונג, וועמענס פּראָגראַם עס איז בעשטאַנען פון: לעזען פערשידענע אַרטיקלען פון דער קאָלאָניע-צייטונג געשריבען דורך די קינדער; געזאַנג און טענץ נומערן, איינינגע אינסצעניזירטע לעבעדיגע בילדער, דעקלאַמאַציעס, ריטמישע און גימנאַסטישע איבונגען.

אין די טענץ-נומערן האָבען זיך ספּעציעל אויסגעצייכענט די 5 יעהריגע קרישאַ אַראָנאָוויטש און אין חסידישע טענץ – וואַרגאָן.

די פאָרשטעלונג, וועלכע איז געווען געלונגען אויסגעפיהרט, האָט אויף אַלע אנוועזענדע געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען.

געזעגנענדיג זיך מיט די קינדער האָבען די געסט, 7 א זייגער אָוונד צופרידען פערלאָזט בלאַכאָווניע.

קלאַנג - קינאָ „עדען", אַלעע 12.

נאָר דאָנערשטאָג, דעם 27, פרייטאָג 28 און שבת 29 ד.ח.

נאָר אויף 3 טעג האָבען מיר אַראָבגעבראַכט דעם בעריהמטען אַמעריקאַנער פילם אין דער יודישער שפּראַך

דעם חזנ'ס זונדעל (שטעדטעלע בעלז)

די טיטול-ראָל פיהרט אויס דער וועלט-בעריהמטער זינגער משה אושר

פּרטים אין די אַפישען.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

פיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)

מענער-קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פּרייז 12 גר.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישריינינגען און פּאַסאַזשירען קאָפּעלושן,

די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין וואַרשאַ מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

„מיין מאַן האָט זיינע אייגענע אויגען נישט געגלויבט!"

ערקלערט פרוי גאַבי וואַגנער

„ער זאָגט, אז כ'זעה אויס מיט 10 יאָהר יונגער אָט ווי אַזוי כ'האָב עס דערגרייכט"



די פאָטאָגראַפיע פון פרוי וואַגנער פאַר'ן געברויכען Biocel — די נייע אויפלעבונגס-סובסטאַנץ פאַר דער הויט.

די פאָטאַגראַפיע פון פרוי וואַגנער, וועלכע ווייזט די אומגעהויערע ענדערונג, וואָס איז דערגרייכט געוואָרען אין משך פון עטליכע וואָכען.

„עס זעהט אויס ווי אַ נס". אָט דאָס זענען יעזשי'ס ווערטער. ערשט מיט צוויי חדשים צוריק האָב איך געהאַט קנייטשען אויפ'ן שטערן, ארום די אויגען און מויל — איך האָב אויסגעזעהן שוין דייטליך ווי א פרוי „אין געוויסען עלטער". היינט דאַנקען פערוואונדערן אַלע מיינע חבר'טעס מיין העלע, גלאַטע, מיידעלשע צורה. כ'האָב זיי אַלע געראָטען געברויכען פונקט ווי איך האָב עס געטון, דעם אויפלעבענדן קרעם Tokalon Biocel וואָס איז פּרעפּאַרירט לויט'ן אָריגינעלען פאַרשריפט פון בעריהמטן פראַנצויזישן קרעם Tokalon איינינגע האָבן מיך פשוט אויסגעלאַכט ביז זיי האָבען אליין נישט אויסגעפּרובט דעם דאָזיגען קרעם. נאָכ'ן פעסטשטעלען די אומגעוועהנליכע רעזולטאַטען זענען זיי ענטציקט פונקט ווי איך."

געברויכן דעם אויפלעבענדיגען קרעם Tokalon פון ראָזאַ קאָליר יעדען אָוונט פאַר'ן שלאָפען געהן. ער ענטהאַלט — Biocel וואָס איז ענטדעקט געוואָרען דורך א בעריהמטען פּראָפעסאָר פון וויענער אוניווערזיטעט. Biocel איז א וועזענטליכער און פעריינגערענדער עלעמענט וועלכער ווערט אַרויסבעקומען פון דער הויט פון יונגע חיות — און וואָס איז אידענטיש מיט די ווערטפולע אויפלעבענדע סובסטאַנצען פון אונזער הויט. דאַנעגען בייטאָג געברויך דעם ווייסען קרעם Tokalon — ער מאַכט די הויט העל און דעליקאַט, בעזייטיגט די וואָנגרעס און צושפּרייטע פאָרען. א גליקליכער רעזולטאַט ביים געברויכען די אויפלעבענדע קרעמען Tokalon איז גאַראַנטירט אָדער דאָס געלד ווערט אומגעקערט

Red. E. Bocian Częstochowa Aleja 6, Wyd. B. Bociana S-cy Druk. B. Bociana S-ców. Aleja 6